ובהיוודע הדבר הזה לחנא, עזבו הוא ואשתו את דירתם מיד. המשטרה פרצה לביתם בטענה, ששני יהודים אלה הם פרטיזנים. שלום יבנוביץ החל מיד בהשתדלויותיו ורצה לשלם כופר נפש למשטרה, אך הדבר לא עלה בידיו; המשטרה מסרה על הדבר לז׳נדרמריה הגרמנית: תפסו שני פרטיזנים יהודים בבית יהודי. הז׳נדרמריה פקדה מיד לאסור את חנא עם משפחתו, ואם לא יימצא — לאסור 5 יהודים אחרים; באותו יום נאסרו כבני תערובות חיים ריידר, יוסף יבלונוביץ, ראובן שטיינגרד, יצחק יבנוביץ וישראל בנימין ברגר. והודיעו הגרמנים, כי אם חנא לא יתייצב, יירו חמשת היהודים הנאסרים.

יהודי העיירה לא חשבו לכתחילה כלל, כי העניין הוא כה רציני, ומה גם שמחוגי המשטרה הבטיחו להם, במזיד, כי לפנות ערב ישוחררו בני התערובות, תמורת כסף, כמובן.

בינתיים פשטו יהודים בכל הסביבה לחפש אחרי חנא ורעייתו; יוסף חדש מצא אותם בכפר ראדקי ומסר להם על השתלשלות הדברים ופנה למצפונם, שיתייצבו במשטרה; חנא הסכים והם יצאו למשטרה. בדרך פגשנו, אני ויהושע גורדון, את חנא; גם אנו סיפרנו לו על כל המאורעות בעיירה. תגובתו היתה: „לעזאזל, ממילא לא נחיה עד סוף המלחמה וממילא ניפול בידי הצר. לכן, אינני רוצה, שמישהו יסבול בגללי והחלטתי ללכת למשטרה". לאחר דברים אלה עזבתי אותם. אך בסופו של דבר חנא לא הגיע למשטרה...

ליד תחנת המשטרה פגשתי את שלום ואת אידה אקסלרוד; אידה החזיקה שעון זהב ביד ואמרה, כי המפקד הבטיח לה לשחרר מיד את חיים, בעלה, תמורת השעון. ובינתיים הגיעה השעה שש — ואחרי שעה זו אסור ליהודים להיראות ברחובות! והמשטרה היתה מעוניינת, כנראה, כי לא יביאו את חנא דימנטשטיין בכלל...

בלילה מצאה המשטרה את אשתו של חנא והיא נאסרה; תמורתה הוציאו לחפשי את יצחק יבנוביץ. אולם לפנות בוקר הוציאה המשטרה להורג את חמשת בני התערובות, ביניהם את אשת חנא, ואת שני היהודים מקריביץ. לאחר יומיים יצאה הפקודה לאסור את נשותיהם ואת ילדיהם של בני התערובות הנרצחים. לראשונה אסרו את אידה ריידר ואת שני ילדיה, ואח"כ את מונה־חנה, אשתו של ראובן שטיינגרד.

ולמונה־חנה זו שני ילדים, הבכורה היתה בת תשע. הילדה ברחה מפני רודפיה והסתתרה אצל גוי אחד; המשטרה אסרה מיד תמורתה חמש נשים יהודיות — וביניהן גם אחותה של חנה... ראינו, על־כן, לדעת, כי המשחק נעשה יותר ויותר מסוכן, וכי החבל נמתח ומתהדק סביב צווארינו, כי גם לבנות תערובות החדשות היו ילדים — ופקודת הגרמנים היתה: לכלות את כל בני משפחות האנשים, אשר אינם ממלאים אחרי צוויהם...

ובמשטרה אירעו בינתיים חזיונות קורעי־לב; קול זעקת האסורים עלה ובקע את השמיים; מבעד החלונות הם התחננו, שנאמר למענם תהילים — אולי ירחם אלוהים. הילדים חיבקו את אמותיהם ובכיים יכול היה להמס אף לב אבן. אכן, השוטרים, וכן השכנים הגויים, שרבות בשנים חיינו אתם יחד — אף לא שעו אלינו; נהפוך הוא: אף לעגו לנו וצחקו בעזות מצחם. אכן, מדמעותינו נהנו ורוו נחת.

וגדליהו, אביה של מונה־חנה האסורה, היה במצב של יאוש. תמורת הילדה בת התשע, נכדתו, שנמלטה, אסרו את שתי בנותיו האחרות (ואחת מהן הנשואה,

על שני ילדיה הקטנים...) — וברצותו להצילן קם והוציא את נכדתו ממקום מחבואה והביא אותה למשטרה, לעקדה... את בנות התערובות שיחררו ואילו את מונה־חנה, על ילדיה, ואת אידה ריידר, על ילדיה, הובילו לטבח. אבל בשתי משפחותיהם של ישראל־בינה ברגר ושל יוסף יבלונוביץ — שהיו בלתי נשואים, לא נגעו לרעה.

ראינו כיצד הנשים והילדים מובלים לבית הקברות — מקום השחיטה. הילדה של אידה, אסתרל, שאלה את האם: „לאן אנו הולכים, אמא?". „לאבא" — היתה התשובה... בבית הקברות נורו הנשים על ילדיהן; שם גם הבאנו אותם לקבר ישראל.

חלום המוות הטבעי

המאורע האחרון שבר לגמרי את אחרית כוח ההתנגדות הנפשית של היהודים הנותרים בעיירה, והתקווה להישאר בחיים אפסה כמעט לגמרי. המשטרה החלה להשתולל בצורה מחמירה והולכת; היו קוראים יהודים לתחנתם ומאשימים אותם בפשעים שונים, שפשעו כביכול. היו מכים באכזריות בהוסיפם, כי הדבר נעשה, משום שהיהודים התפארו, כביכול, שהגרמנים ינחלו תבוסה במלחמה; או אמרו (היהודים): „בראשיהם (כלומר, של הגרמנים) נרצף את הכבישים" וכו'. היו ממציאים עלונים, שהאווירונים הסובייטיים הפיצו, והיו מאשימים בכך את היהודים, כי מרגלים הם, וכי הם מאותתים לאווירונים הסובייטיים לטוס מעל קובילניק. יום־יום הכו ביהודים, ונוסף לכך ציוו... לשתוק: לבל ידע איש על כך; ולאות תודה למכות, על המוכים להביא דברי זהב ותכשיטים...

המשטרה, שעל חשבונה נרשמו פשעים לאין ספור, הוסיפה חטאים על פשעים אלה: היא החליטה לכלות את כל האוכלוסייה היהודית, למען לא יישאר שריד, שיוכל להעיד אי־פעם נגד הרוצחים. אכן, עם מפלתם של הגרמנים על־יד מוסקבה ועל־יד חזיתות אחרות החל להתעורר ספק בלבם של הרוצחים: מה יהיה, אם ינוצחו הגרמנים... דרך לצידוק המעשים האלה איננה — אם כן, יש לרצוח את האוכלוסייה היהודית כולה, למחות כל סימן ולטשטש העקבות.

רבה של קובילניק נעשה כעת נושא ללעגם, לעינוייהם ולמכותיהם. היו קוראים אותו לעתים קרובות למדי ולענותו. כן היו אוספים אנשים קשישים, זקנים וזקנות, ומענים אותם קשות. היו מאלצים אותם להתפשט בעירומיהם ולרקוד בנוכחות הכול... הכריחו את הנשים הללו להשתין בנוכחותם של כל הקהל ואילו את הגברים אילצו לשתותו... פעם הכניסו בשעת הצגת עינויים כזאת נוצרי

מטורף. הגוי היכה ביהודים, ואילו את היהודים הכריחו להשיב מכות... והשוטרים ישבו ונהנו מן ההצגה...

לאחר ימים מספר נאסר יוסף חדש. בשעת החקירה הכוהו מכות רצח באמתלה, שהוא קומוניסט, וכי עליו לגלות להם דברים, שהוא מעלים מהם... בקושי עלה בידינו להצילו. כל אותו לילה חבשנוהו בסדינים רטובים, כדי לצנן את פצעיו; קמעה־קמעה שבה אליו הכרתו. והוא ביקש, לא לספר על־כך לאיש...

כל הפרובוקציה הזאת בוצעה על־ידי הפולני סאראפין, שהיה עם בואם של הגרמנים ממונה על חוות־הגידול לשועלי־כסף, שיוסף חדש הנ"ל היה שותף בה. לאחר שסאראפין זה חיסל את שלושת השותפים הראשונים, דאג להיפטר מן השותף הרביעי, למען יוכל לרשת את כל הונה של החברה. הוא הלשין במשטרה, כי יוסף חדש הוא קומוניסט וקיווה לחסל אותו...

למחרת, עוד בטרם הספיק חדש להתעודד מהמכות, שוב נקרא למשטרה — והפעם עם אשתו ביילה וילדתם; נערם הספיק להימלט. יחד אתם אסרו גם את דוד גלוט ואת השוחט אברהם גולדזגר. תחילה הוכו כולם מכות־רצח ואחר כך — רצחום נפש בבית הקברות הקתולי ביום ששי ג' באב תש"ב 17.7.1942. אשתו של דוד גלאט נמלטה והשאירה שני ילדיה; המשטרה לקחה את הילדים נשאה אותם על הידיים לבית הקברות היהודי ושם רצחה אותם. לאחר־מכן הבאנו את הנרצחים לקבר ישראל.

ועלה המוות על חלונינו והפך לתופעה יומיומית. למות על המיטה בבית היה לרצונם של הכול ונחשב לזכות גדולה. אכן, חלמנו על המוות כעל גואל ומציל מכל הצרות... לאלה, שזכו למות כזה, השתייכו: ריבה גורדון, עזריאל יבלונוביץ וסימה הינדה — הם נפטרו במוות טבעי. איש לא ביכם, אף לא הקרובים ביותר. ידוע ידעו, שמותם הם יהי כרוך בייסורים רוחניים וגופניים גדולים יותר.

פרק בפני עצמו היוותה הבאת המתים לקבורתם בבית העלמין היהודי.

המסלול הישן לבית הקברות נחסם עם בוא הגרמנים העירה; ביצע זאת הנוצרי אדאם. המסלול החדש והיחיד, בו אפשר היה להגיע לבית הקברות, עבר דרך הגשר במקביל עם הנחל. אך דא עקא — בסתיו ובאביב, כשהמים בנחל עלו על גדותיהם והתהוו ביצות מסביב, היו נזקקים לפחות ל־20 איש, כדי להעביר מיטת המת ולא להיכשל ולהפיל אותה, ולהביא בכך לחילול המת.

ובית הקברות כשלעצמו, גם הוא נהרס וחולל. את הגדר פירקו וגנבו; את לבני הקברים הוציאו הגויים; גם במצבות השתמשו. קברו של לייב טודרס, שהיה בנוי לבנים ומחושק בשרשרות ברזל, נהרס, וחומריו נסחבו. עיזים, סוסים ופרות רעו בבית הקברות, ואיש לא יכול היה להגיב על־כך, ונאלצנו לשתוק.

סתיו 1942 — פרטיזנים

עוד בתחילת קיץ 1942 התחילה תנועת הפרטיזנים הרוסים ברוסיה הלבנה. מתחילתה היתה תנועה זו קטנה וחלשה אולם במשך שנת 1943—1944 התפתחה מאוד. פה ופה שמענו על מעשי־נקם אמיצים, שנעשו בגרמנים ובעוזריהם. הפרטיזנים פשטו על גדודים גרמניים, פוצצו גשרים, הורידו רכבות ממסילותיהן, ואיימו על תנועות הגרמנים, שעה שאלו מתקיימות כקבוצות קטנות. מחוזות שלמים נכבשו על־ידי הפרטיזנים, מקום שם גם קיימו שילטון אדמיניסטרטבי: גבו מיסים מן התושבים כבזמנים מתוקנים. האיכרים נאלצו לשלם ולתת כל מה שנדרשו — מאימת נחת זרועם של הפרטיזנים. בעיקר התייראו אלה, ששיתפו פעולה עם הגרמנים; הפרטיזנים היו תופסים את הללו ונוקמים בהם: היו מחסלים את כל משפחתו של הבוגד. רבים מן הגויים ברחו לעבר המחוזות, בהם שלטו עדיין הגרמנים שלטון בלי מצרים. עם ראשית תנועת הפרטיזנים בשנת 1942 השתפר קמעה מצב הרוח בעיירה ועלה הרעיון להימלט לפרטיזנים שביערות. אבל, החשש, שירצחו את כל היהודים הנותרים בעיירה, אם יחידים יימלטו לפרטיזנים, הוא אשר הניא את הצעדים הללו. והעריבות ההדדית, שאחרי ככלות הכול לא הביאה כל תועלת, גם היא היתה בין הגורמים שהביאו את הכליון המוחלט.

בעיירות מסוימות בסביבה עמדו הפרטיזנים בקשרים אמיצים עם היהודים. במיאדל נמלטו בליל יום כיפור שמונים איש, בסיועם של הפרטיזנים; בקרב הנמלטים היו גם יהודים מספר מקובילניק, שעבדו במיאדל. למחרת כינסו הגרמנים את כל היהודים הנותרים במיאדל, הובילום מאחורי העיר ורצחום נפש.

קובילניקאים אחדים, מן הנמלטים, באו למחרת לעיירתנו וסיפרו את פרטי הבריחה. ביניהם היה אליהו משה גורדון (בנו של אברהם גורדון) ויצחק יבנוביץ. את יבנוביץ רצחו לאחר־מכן האיכרים בסביבה והשליכוהו לאגם נארוץ׳, כדי שלא יחשדו בהם; „מוטב״, שייראה הדבר כאיבוד לדעת. ברם, החורים העמוקים בראש, כפי שראו את הדבר גויים מסוימים, והמה סיפרו על כך לי ולשלום — לא השאירו כל ספק, כי אכן היה כאן רצח אכזרי.

האקציה האחרונה

יום כיפור, 21 בספטמבר 1942.

למחרת רצח יהודי מיאדל, הגיעה פקודה מהז׳נדרמרייה בקובילניק, שעל כל היהודים להתרכז בכיכר השוק, מאחר שעומדים להקים גיטו... חלק יהודים, שחשו בסכנה החמורה וחזו את העומד להתרחש, נמלטו היהודים, שהגיעו לכיכר השוק הוכנסו לבית העם („דום לודובי״) ונכלאו שם. את חלונות הבית הגיפו בקרשים, והבית כולו הוקף במשטרה הגרמנית. אכן, הוברר, כי סופם המר והנמהר של כל היהודים הגיע!

לאחר שעות מספר הוצאו לחופש 48 איש, שהגרמנים חשבום לאנשים מועילים. היו אלה בעלי מקצוע, על משפחותיהם. בין היתר שוחרר אז גם יהושע ינובסקי, שהוציא לחופשי גם אחות ושני ילדיה. ינובסקי הסביר, כי אלה הם אשתו וילדיו.

ובהלת מוות השתררה בקרב הכלואים. אנשים ביקשו דרך להצלה — ואין. ניסו לקרקר את הקירות ולברוח. אחרים ניסו להימלט דרך הארובה. טוביה פוגלמן שבר קרש, פרץ החוצה ונמלט; המשטרה דלקה אחריו וירתה בו. כל אותו יום בקעה מהבית זעקה גדולה ומרה. קריאות „שמע ישראל״ החרידו את הלב. נשים נפרדו מילדיהם — לנצח.

יממה תמימה היו כלואים. לפנות בוקר הובילו את כולם, אנשים, נשים וטף, ערוכים בשורות, אל בית הקברות הקתולי. יהודי אחד, אליהו משה גורדון, שגרמני אחד הכיר בו כאחד „היהודים המועילים״, הוצא ברגע האחרון משורת המוות; הוריו, שהיו אתו, נשארו והובלו לקיצם המר.

בלכתם בתהלוכת המוות ניסו יהודים מספר להימלט. הנער לייבל סלומון, פליט מוורשה (את אחיו, המורה סלומון, רצחו הגרמנים סמוך לבואם לקובילניק), קפץ למתחת הגשר בעברו דרכו; הגרמנים ירו אחריו והחטיאו את המטרה. ישעיהו צרנוצקי וחיים ליזורביץ גם הם נמלטו — אך הגרמנים רצחו את שניהם ביריות.

והבורות היו כבר מוכנים... העמידו את האנשים ליד הבורות בלי שהיות מיותרות וירו בהם! בחורה אחת ביילה־דובקה קירמליסקי נפצעה ברגלה בלבד. כשנסתיימו היריות, התחננה לפני שוטר קובילניקאי, שעמד בקרבתה, שירחם

עליה וישאירנה בחיים. תשובתו היו קללות וגידופים — וכדור בראש... לאחר גמר מלאכת הדמים מילאו החופרים את הבורות באדמה ויישרו את הקרקע מסביב, כאילו דבר לא אירע כאן... כך ניספו למעלה ממאה וחמישים יהודים; הם אף לא זכו לקבר ישראל.

לאחר שהמשטרה והגרמנים סיימו את הרצח ניגשו מיד לרשת את נכסי הנרצחים... הם שדדו ובזזו את כל בתי היהודים. אמה של יהודית פרידמן לא הלכה לכיכר הריכוז, כי היתה חולה; המשטרה מצאתה במיטתה. השליכוה על עגלת סוסים, הובילוה לבית הקברות ושם ירו בה.

ויד הכיליון נטויה

רבים מאלה, אשר ניצלו באקציה אחרונה זו, מצאו מותם ביער על־ידי הפרטיזנים הפולנים האנטישמיים מתנועת א.ק.א. („המחנה הארצי"), שמטרתם היתה להילחם בגרמנים ולחסל את היהודים; את המטרה השנייה מילאו באמנות... אכן, אכזריותם לא נפלה מזו של הגרמנים.

משה ינובסקי, יהודי עיוור, ובנו פנחס, נרצחו ביער ליד חוואלוביץ על־ידי רוצחי א.ק.א. הפולנים. רוצחים אלה המיתו גם את עקיבא קריביצקי. שמואל ינובסקי, גם הוא בחור עיוור, נמלט בעזרת נער קטן הרצל סבירסקי; האחרון הוביל אותו בידו במרחק קילומטרים רבים ביערות. הגרמנים תפסו אותם ורצחום ביחד עם יהודי וילנה בפאנאר.

יהודים מספר מקובילניק נפלו בפוסטב. ביניהם יוסף יבנוביץ ואשתו. ב־4.4.43, בפונאר נרצחו חיינה קרוקוב, חוה גורדון, אסתר־לאה סבידלר על ילדיה, ישראל צרנוצקי, שרה טורונצ׳יק ואחרים.

✶

את שרידי יהודי קובילניק העבירו למיאדל. משם הועברו אחדים לווילייקה. יהודים קובילניקאים, ששהו במיאדל, שוחררו ערב אחד על־ידי הפרטיזנים הרוסים והיהודים, שהתקיפו בחוזק־יד את הגרמנים במיאדל. הפרטיזנים העבירו אז אתם את כל השרידים האלה ליער.

ומי לשריפה...

יהודי קובילניק, אשר שהו בווילייקה ביחד עם קבוצת יהודי קורניץ ומנו ביחד כ־130 איש, נכלאו בבית המרחץ ,שהוצת אחר־כך, וכולם נשרפו חיים. היה זה ב־7 בנובמבר 1942.

ואלה הפרטים של המאורע המזעזע הזה: היהודים מקובילניק, שנשלחו לעבודה לווילייקה, נמצאו בשני גיטאות: כותב שורות אלו, אליהו גורדון, ישראל־לייב גורדון, כגנוביץ וכן אסתר בתו של ינקל־ביינישׁ גרינברג היינו בגיטו של ה„געביטס קומיסריאט״. הללו החזיקו רק בודדים ללא משפחות. יתר 48 בעלי המשפחות היו בגיטו של הס. ד. בין אלה היו: יוסף שטיינגרד, אשתו ושני ילדיו; שאול גורדון, אשתו ושני ילדיו; אחי, ישראל קרוקוב, אשתו ובנו לייב מיכאל, ודוד יבנוביץ ואשתו; יהושע ינובסקי ושתי אחיותיו וילדיהן; שלמה לייזר ינובסקי, אשתו ושני ילדיו; אברהם קייבסקי, אשתו ושני ילדיו וכו׳. את כולם, יחד עם יהודי קורניץ, שנמצאו באותו גיטו, כלאו בתוך בית־מרחץ על־יד וילייקה ושרפו אותם חיים. בעיני ראיתי את העשן שתימר מן המרחץ.

באותו יום ברחנו אני, ישראל לייב גורדון, ועוד 14 אנשי קורניץ, אל הפרטיזנים. מעניין, שבשל בריחתנו מהגיטו לא נענשו היהודים הנשארים; הם המשיכו עוד חודשים מספר להתקיים שם.

בעזרת ראש הגיטו, שץ, הצליחו הנשארים לקשור קשרים עם הפרטיזנים וגם לספק להם נשק, שנקנה מהגרמנים. את הנשק העבירו לפרטיזנים בתוך ערמות קרשים. הפרטיזנים היו מגיעים לנגרייה שבגיטו, כשהם מחופשים כאיכרים, טוענים על העגלה את הקרשים ובתוכם נשק מפורק.

והפרשה נסתיימה בצורה טרגית בדרך מקרה: באחד הימים, כשעגלה כזאת היתה טעונה ומוכנה ליציאה, הופיע גרמני ופקד להוריד את הקרשים, כדי לקחת את העגלה הריקה, שנזקק לה להעביר חולה. אולם שץ, ראש הגיטו, שלא ידע את כוונתו של הגרמני והיה בטוח, כי הוא בא לתפוש את הנשק, נתן פקודה „לברוח!״ — והיהודים החלו לברוח. אך רובם נתפסו ונורו ברחובות; אך מעטים הצליחו להימלט. בגיטו נשארו אז רק כגנוביץ ואסתר גרינברג — אולם גם הם נרצחו יום אחד לפני השיחרור, כשהגרמנים עזבו את וילייקה.

עם הפרטיזנים

מתי מספר מיהודי קובילניק נמלטו היערה; שם נמצאו גם יהודים מעטים, פליטי חרב, מהעיירות הסמוכות. החיים שם היו קשים מנשוא: האנשים הגיעו

לשם בחורף הקשה ערומים ויחפים. ביום חיממה במקצת השמש, אך בלילה שרר קור נורא. כולם הצטופפו מסביב האש וחיממו את העצמות היבשות. דברי אוכל לא היו. הפרטיזנים הרוסים עזרו במשהו. אבל זה לא הספיק. לילות תמימים ישבו מעולפים למחצה, ומכונסים בתוך עצמם, רק העיניים נוצצו... הכינים ריחשו על כל הגוף ואי אפשר היה להיפטר מהן. היו גם מקרי טיפוס רבים. והמצב היה ללא נשוא וללא מוצא.

אולם יצר הקיום לא סר. חיפשו אפשרויות חיים בתנאים הקשים ביותר שביער. חפרו בורות והתגוננו מפני הקור. בלילה היו פושטים לכפרים, כדי לבקש אצל האיכרים לחם ותפוחי־אדמה להחיות את הנפש. אחדים שילמו בעבור „טיול" כזה בחייהם; הגרמנים ארבו להם ורצחום בירייה; היה ונמסרו לגרמנים ע"י הגויים עצמם.

קשה ביותר היה מצבם של הנשים וילדיהם הרכים. בקרב קבוצת יהודים ביער היתה גם אישה צעירה ממיאדל עם תינוק בן 10 חדשים (היה גם תינוק קובילניקאי דומה, זונדלה). אנשי הקבוצה דרשו פעם מהאשה, כי תעזוב את קבוצתם בשל הילד; ביכיו של הילד מסכן את כולם. באין ברירה, העמיקה האישה עם התינוק לתוך היער, סתמה את פיו והשאירתו לנפשו... למחרת מצאו את הילד פרטיזנים רוסים. הם החזירוהו לאמו אגב אזהרה חמורה: אם תוסיף כך לעשות לתינוק יירו בה... בשמחה ובדמעות בעיניים קיבלה האם את התינוק ושמרה עליו מכל משמר.

הפרטיזנים הרוסים העבירו את היהודים, שהסתובבו ביערות קוריניץ למעבר החזית לרוסיה, במרחק מאות רבות של קילומטרים. האנשים, ביניהם מספר קובילניקאים, עשו את הדרך ברגל, ורבים, אמנם, נפלו בדרך. זינבו בהם גם הגרמנים וכן איכרים משתפי פעולה; אף־על־פי־כן הצליחו יהודים רבים לחצות את החזית ולהגיע לרוסיה.

המצור על הפרטיזנים

המצור על הפרטיזנים התחיל ב־20 באוקטובר 1943. הגרמנים הטילו בקרב כוחות חזקים ואירגנו התקפה רבתי על המחוזות בהם שלטו הפרטיזנים. החלטתם היתה הפעם לחסל אחת ולתמיד את כל היסודות העוינים להם, שהתרכזו ביערות והפריעו לתנועה הסדירה של הצבא הגרמני, שזרם לחזית. אכן, הפרטיזנים היו לצנינים בעיני הגרמנים. הגרמנים התקיפו בגייס בן 22 אלף חייל, ובעזרת מטוסים השליכו פצצות תבערה עליהם; הפצצות הבעירו ושרפו כפרים רבים

במחוז. הפרטיזנים נמלטו על נפשם ולא אירגנו כל התנגדות. איש־איש חיפש פינת הצלה כלשהי. מצעירי האיכרים שנתפסו נשלחו לגרמניה לעבודה.

התקפה זו נמשכה 10 ימים והביאה חורבן וכלייה על שורות הפרטיזנים. עשרות אחדות של יהודים התחבאו בשטח ביצות. הגרמנים לא הגיעו לשטח זה מחמת פחד השקיעה בביצה זו. ואף־על־פי־כן נפלו במצוד זה הרבה יהודים, ביניהם אחדים מקובילניק: שלום יבנוביץ, מטלה גילמן, נחמיה מיזנוביץ׳ ואת הרוקח קוברסקי עם בנו. מטלה גילמן הגיעה למקום מגיטו וילנה יום אחד בלבד לפני המצוד.

הפרטיזנים מתארגנים מחדש

ואך נגמר המצור — והפרטיזנים התעודדו ושבו למקומותיהם הקודמים — ושוב התקיפו את הכוחות הגרמנים מן המארב... פוצצו רכבות, שהובילו חיילים, הציתו מחסני סחורות ותבואות, פוצצו גשרים; קבוצות גרמניות קטנות לא יכלו בכלל להתנועע ללא עזרת טנקים. חיש מהר ידעו הפרטיזנים להתגונן גם נגד טנקים. ליד הכפר פאסינקה מחצו הפרטיזנים קבוצת טנקים, והגרמנים לא הגיעו למחוז חפצם.

באותו זמן התארגנה גם פרטיזנקה פולנית. היה זה אלמנט שקודם לכן שיתף פעולה עם הגרמנים ולחשבונו נזקפו פשעים רבים, בעיקר נגד היהודים. לאחר שראו לדעת, כי הגרמנים מפסידים את המלחמה, החלו לכוון נשקם נגד הגרמנים, אך גם נגד היהודים; הם רצחו הרבה יהודים, שמצאום ביערות. בסופו־של־דבר הקיפום הפרטיזנים הרוסים ואילצום להיכנע. הרוסים המיתו את מרביתם, ואילו את אלה, אשר הוכיחו את צדקתם, גייסו לשורותיהם כלוחמים.

ניצוצות של תקווה

בסוף שנת 1943 החלו להיראות ניצוצות של תקווה, וכן הרגשה מתחזקת והולכת, כי אכן, זכו מעטים להגיע ליום הפדות. החלו מגיעות אלינו ידיעות על תבוסות הגרמנים בחזית; הדבר נסך בנו תוחלת ואומץ, כי אמנם נבלה את הצורר. יהודים החלו להרגיש עצמם בטוחים יותר. הגרמנים שוב לא הכינו בלוקדות חדשות על הפרטיזנים; חוצפתם ואומץ לבם רפו. גם האוכלוסייה הנוצרית, שכה הרבתה לשתף פעולה עם הגרמנים, החלה לנער חוצנה מהם... ובפעולות אחרונות שונות שוב לא עלה בידי הגרמנים להיעזר בגויי המקום...

מחוזות הפרטיזנים גדלו. יום־יום התווספו פלוגות חדשות. בנו בתי־חמר ביערות ושם התגוררו. לא כל היהודים השתייכו לפלוגות הלוחמות; קשישים, נשים וילדים הובדלו מהן. בפרק זמן מסוים קיימת היתה קבוצת לוחמים יהודים מיוחדת, שכינתה עצמה בשם העברי „הנוקם"; לאחר מכן ביטלו אותה הרוסים ופיזרו את אנשיה בין קבוצות אחרות.

בעת ובעונה אחת התארגנה קבוצת יהודים המורכבת מבעלי מקצועות: חייטים, סנדלרים, אופים, בורסקאים, מסגרים ואחרים. הפרטיזנים סיפקו להם מזון, ואילו הם עבדו בשביל הפרטיזנים. קבוצה זו, שהמשמעת בה היתה צבאית, התקיימה עד השיחרור.

בקבוצת בעלי המקצוע ובעיקר בקבוצת הלוחמים השתתפו יהודים קוביל־ניקאים רבים, שנלחמו ונקמו בגרמנים. וחובה קדושה היא להזכיר את הפרטיזנים במיוחד: מאיר חדש, שנפצע פעמיים בלחמו בגרמנים,הרצל גורדון (שניהם כעת בישראל) חיים שטיינגרט (כעת בברית המועצות) פרץ קרופסקי (בישראל), אברהם־יצחק חדש (נספה בתאונה) והשל קרוקוב (נפל ביום 17.4.43 ליד סמולנסק, בעברו בפעם הרביעית את קו החזית בהעבירו נשק), וכן חיים־אשר גילמן (נפל מאוחר יותר בחזית).

*

בראשית שנת 1944, כבר ידענו בבירור, כי הגרמנים נסוגים. כן היה ברור לנו, כי יבקשו לחסל כל יהודי, שייתקלו בו, וכי יערכו בלוקדות מקומיות, למען לא יישאר כל שריד, שיוכל להעיד אחר־כך על פשעיהם, שעשו כלפי היהודים. התחלנו, על־כן, להכין מיסתורים (בונקרים), להסתתר בהם במקרה התנפלות הגרמנים. נמצאו גם אמצעים נגד כלבי גישוש: פיזרו בדרכים טבק והטמינו באדמה נתחי בשר; באמצעים אלה אבדו הכלבים דרכם. כל המיסתורים הללו נבנו באין רואים; השתדלו, שאנשים אחרים, שלא השתייכו למיסתור מסוים, לא ידעו עליו. הסיבה לכך: יש והגרמנים תפסו יהודי בודד והיו מענים אותו עד כדי כך, שהלה גילה את מקום המחבוא...

החזית מתקרבת

בימים הראשונים לחודש יוני 1944 שמענו ביער יריות תותחים חזקות והזדעזענו כולנו. רבים ממנו חשבו, כי הגרמנים חידשו את הבלוקדה על

הפרטיזנים — וכעת הגיע הסוף גם על אחרונים הניצולים, שעמדו עד כה בכל כך הרבה סכנות. אולם לאושרנו הרב היתה כעת הרגשתנו מוטעית: ב־5 ביוני 1944 הגיע ליער הצבא האדום, והגרמנים נמלטו על נפשם. הפרטיזנים חילצו דרכים, חפרו תעלות לרוחב הכבישים, הטמינו מוקשים, כדי שהגרמנים לא יוכלו לברוח, כי אם למצוא את קברם באותם היערות, בהם דלקו אחרינו כאחרי חיות.

לאחר השיחרור

רק כעת, לאחר שהצבא האדום שיחרר אותנו, יכולנו לערוך את הסיכום הטרגי של עינויינו, של חורבננו ואסוננו הגדול, ושל המשפחות שנטבחו; מכל העיירה נשארו רק מתי מספר. בראשים מורדים השתרכנו מן היער אל העיירה. כל קובילניק היהודית היתה לחורבה אחת. רק שלדים חרוכים של בתי יהודים עדיין נראו פה ופה. אף משפחה יהודית אחת לא נשארה בשלמותה. אימה ופחד אחזונו עם הגיענו שמה.

הגויים של העיירה, בראותם אותנו, הסתכלו בנו כבאנשים, שחזרו מעולם האמת... גם אנו חששנו להתקרב אליהם. אלה מהם, ששיתפו פעולה עם הגרמנים, פחדו מפני שילם ונקם. רבים נאלצו להחזיר את הנכסים השדודים שלנו. מן ההיגיון היה, כי ניזהר כעת מאוד לנפשותינו, לבל יתנפלו עלינו וירצחונו נפש. אכן, בעיירות רבות אחרות נהרגו יהודים רבים לאחר השיחרור.

סמוך לבואנו לעיירה הלכנו, קודם־כל, לאותו מקום, בו נרצחו מרבית יהודי קובילניק באקציה האחרונה. גידרנו את המקום, בכינו מרה על אסוננו, ובדימיוננו חזינו את קלסתר פניהם של כל אלה היהודים הקרובים, שבצורה כה אכזרית הועלו על המוקד.

יהי זכרם ברוך.

יהושע סווידלער

קאבילניק און אומגעבונג - אין אומקום

ערשטע פאניק



זונטיק דעם 22־טן יוני 1941, זיינען מיר אויפגעציטערט געווארן פון דער שרעק־לעכער ידיעה, אז דייטשלאנד איז באפאלן דעם ראטנפארבאנד.

שווער צו שילדערן דעם מאמענט, ניט צו באגרייפן יענע צייט. די בהלה, די זארג פארן קומענדיקן טאג. נאך ערגער האט אויף אונז געווירקט די צערודערונג אין די רייען פון די רויטארמייער, וואס זיינען אזוי זיכער געווען אין זייער קראפט און מיט איינמאל זיינען זיי געווארן אזוי מאכטלאז און שוואך. זיי זיינען געלאפן אין גרויס איילעניש און אין אַן אומארדנונג, אפילו ניט באווייזנדיק אלץ מיטצונעמען; אלץ איבערגעלאזן אויף הפקר פארן שונא.

דאס אלץ האט ארויסגערופן ביי דער יידישער באפעלקערונג א פאניק. מיר זיינען געבליבן הילפלאזע און ניט געוווסט, וואס צו טאן: וווהין לויפט מען? וואס טוט מען? דער שונא האט באוויזן שנעלער צו קומען, ווי די רוסן צו אנטלויפן. פאר אונז האט זיך אנגעהויבן א לעבן פון פיין און שרעק. יעדער איינער וואלט וועלן זיך ראטעווען, כל זמן עס איז נאך ניט צו שפעט, נאר וווהין לויפט מען מיט די קליינע קינדערלעך און וווהין שלעפט מען זיך מיט אלטע־לייט? ווער ווייסט, וואס עס קאן אונז דערווארטן אין רוסלאנד?

דערווייל זיינען מיר געזעסן אויף די ערטער און טעג האבן זיך געצויגן ווי אן אייביקייט. אונזערע שכנים האבן אונז דערווייל געלאזט צו רו. זיי זיינען געווען פארנומען מיט ראבירן דאס גוטס, וואס די סאוויעטן האבן איבער־געלאזט. דעם טאג, וואס איז אוועק רוסיק האבן מיר געדאנקט גאט. ערגער איז געווען ווען די נאכט איז אנגעקומען; יעדער קלאפ פון די רעדער איבערן

שטיינערנעם ברוק, וואס האט אזוי שווער אפגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאכט, האט געווירקט שווער אויף די נערוון.

ערשטער אנזאג...

ביז פרייטיק דעם 27 יוני אין אוונט האט זיך באוויזן אין קאבילניק די ערשטע דייטשע ראזוועדקע. א טייל שטעטלדיקע קריסטן האבן שטורמיש באגריסט די דייטשן און מיר האבן זיך פארשטעקט אין די לעכער.

דער אוונט איז געווען זייער א ווארעמער, די לופט א שטיקנדע. עס איז געווען ערב שבת. קיין ליכט האט מען אין דעם אוונט ניט ארויסגעזען פון קיין יידיש הויז. אלץ איז געווען פארהאנגען, פאריגלט, מען האט מורא געהאט פארן אייגענעם שאטן. שפעטער אין אוונט טרויען זיך אייניקע ארויסצוגיין פון זייערע הייזער, מען קלייבט זיך צוזאמען עטלעכע שכנים. מען רעדט זיך אראפ פון הארצן וועגן דער טרויעריקער לאגע, וואס האט זיך געשאפן פאר אונז. פלוצלונג דערזעען מיר פון־דער־ווייטנס שפאצירט א דייטשער סאלדאט. א הויכער, א דארער, ווי א הערינג, באלאדן פון קאפ ביז פוס מיט פארשידן געווער. ער שפאצירט זיך געמיטלעך. באטראכט אלץ ארום. מיר זיינען געבליבן שטיין אויף די ערטער און האבן באשלאסן, ווען ער וועט קומען נענטער צו אונז, זאלן מיר מיט אים פארפירן א געשפרעך און אזוי ארום וועלן מיר זיך דערוויסן, וואס אונז האט אזוי בלוטיק אינטערעסירט: ווי באגייען זיי זיך מיט יידן? צווישן אונז איז געווען א פרוי (גיטל דעם קצבס פרוי), וואס האט געקענט רעדן עטוואס דייטש. און אז ער האט זיך דערנענטערט צו אונז האבן מיר אים העפלעך באגריסט. ער איז גערן געבליבן שטיין און מיט אונז פארפירט א געשפרעך.

די ערשטע ווערטער זיינע זיינען געווען: „מיר זיינען אייך געקומען באפרייען פון די יידן־קאמוניסטן, וואס אונטערדריקן אייך אזוי ברוטאל. אונזער ארמיי וועט אייך ברענגען שפייז און ארבעט, איר וועט קענען לעבן אין רו און מיט פרייד געניסן די פרוכט פון אייער ארבעט. מיר זיינען ניט אזוי ווי די אנגלא־סאקסן, וואס באמבארדירן אייערע הייזער און ברענגען אום אומ־שולדיקע מענטשן. איר מוזט זיך שעצן גליקלעך, וואס מיר האבן אייך באפרייט". און מיט די אויסגעדראשענע רייד, איז ער געשטאנען א באגייסטערטער פאר אונז. נאר מיט דער פראגע, וואס איז מיט די יידן, האבן מיר אים גלייך באטויבט. אזוי ווי א גיפטיקע שלאנג וואלט אים א ביס געטאן. „יודן! יודן! — האט ער

ווילד געשריען, ברענגען מיר אום". און כדי מיר זאלן בעסער פארשטיין וואס ער מיינט, האט ער ארויסגענומען זיין געווער און דורכגעפירט איבערן האלז. אט אזוי מאכן מיר מיט די יודן... מיט א קאלטן שווייס האב איך זיך בּאגאסן און שטום אן ווערטער האט זיך יעדער איינער גענומען אפטראגן וואס שנעלער. אין א קורצער צייט ארום איז דער דייטש געבליבן גאנץ אליין.

אז איך בין געקומען אהיים האב איך זיך קיין ארט נישט געפונען. איך האב זיך געלייגט אין בעט, נאר א צייט האט געמוזט געדויערן ביז איך בין איינגעשלאפן. פון יענעם אוונט זיינען ווידער אוועק עטלעכע טעג, פול מיט שרעק און שפאנונג.

בלוטיקער מיטוואך

מיטוואך דעם 2־טן יולי 1941 האט זיך באוויזן די ערשטע דייטשע מאטא־ריזירטע אפטיילונג און עס האט אנגעהאלטן אייניקע טעג און נעכט ווי עס האט אן אויפהער געשטראמט מיליטער פון אלע ריכטונגען.

מיטוואך דעם 9־טן יולי האבן מיר דערשפירט די ערשטע שריט פון דער דייטשער מאכט. זיי האבן באפוילן, אז אלע יידישע מענער זאלן קומען פארשיטן א גרויסן גרוב, אויפן מיטן מארק, וואס פריער איז דאס געווען א רעזערוואר פון בענזין. ארום איז געשטאנען א גרויסער המון קריסטן, דער עיקר „וואס־טאטשנע", געוועזענע רוסישע פארמשפטע, וואס זיינען איבערגעבליבן נאכן ריקצוג פון סאוויעטישן מיליטער. זיי האבן געארבעט אויפן פלי־פלאץ. זיי האבן „באגריסט" די יידן מיט א האגל פון שטיינער, מיט פארשידענע זילזולים, געלעכטער, און אנטיסעמיטישע אויסרופן. מען האט אנגעהויבן שלאגן און געטריבן וואס שנעלער און געמאכט חוזק פון דעם ביסל איבערגעשראקענע יידן.

זיי האבן געכאפט 4 מאן, אויף וועלכע די שטעטלדיקע קריסטן האבן געהאט א כעס, ארויסגעפירט זיי הינטערן שטעטל נעבן וועלדל און דארט דערשאסן. ביי אונז האט דאס ארויסגערופן א שרעקלעכן צארן און פארביטערונג. מען איז ארומגעגאנגען באזארגט און גערעדט פון דעם זייער א לאנגע צייט. מיר האבן דאס אנגערופן — דער בלוטיקער מיטוואך. און דאס זענען די נעמען פון די קרבנות: שמעון צפנת — א פריזירער פון פאך, באריס סאלאמאן, א ווארשעווער לערער, א פליט, ישעיהו וועקסלער — א דונילאוויטשער בלעכער, פון קאבילניק און חיה רבקה גארדאן פון גלובאקי רוטשאי.

פון דעם טאג אן האבן זיך פאר אונז אנגעהויבן די וואסאמאל מער שרעקלעכע און טרויעריקע צייטן. אמייסטן האבן מיר געליטן פון אונזערע שכנים, וואס האבן זיך געבאדן אין אונזער בלוט, וואס זיי האבן געוואלט, האבן זיי מיט אונז געמאכט. קיינער האט זיי אין דעם נישט געשטערט, האבן זיי זיך געלאזט ווילגיין איבער אונז. איך מוז באטאנען, אז א לענגערע צייט, כמעט עטלעכע חדשים וואלטן מיר געהאט רו, ווען נישט אונזערע בלוטיקע שכנים, וואס האבן אונז ביי יעדער געלעגנהייט פאראטן און פארפאלגט. זיי האבן זיך פילמאל ארויסגעוויזן ערגער ווי די דייטשן. אומעטום האבן זיי אונז פארביטערט דאס לעבן. געהעצט קעגן אונז און געריסן פון אונז שטיקער. די מאכט האבן איבערגענומען די „נאראדאווצעס״, וועלכע האבן אזוי לאנג געווארט אויפן גינסטיקן מאמענט. זיי האבן פארגעסן דעם נעכטיקן שונא, וואס האט זייער פאלק און לאנד פארטיליקט. זיי האבן זיך געשטעלט אין דינסט פון די נאציס.

פאגראם און שייטער־הויפן

פרייטיק דעם 11־טן יולי 1941 האבן די ארטיקע קריסטן ארגאניזירט א פאגראם איבער אונז. זיי האבן זיך ארייגעריסן פרייטיק־צונאכט אין שול און באפאלן די מתפללים, זיי מערדערלעך געשלאגן, קיינעם ניט שוינענדיק. זיי האבן אלץ פארניכטעט, געשענדעט דעם ארון־קודש, צעריסן די ספרי־תורה און געטרעטן זיי מיט די פיס אויפן מיטן גאס. דעם עמוד, דעם וואנט־זייגער, די הענג־לייכטער, אפילו די פענצטער מיט די טירן — אלץ האבן זיי פארניכטעט. זיי האבן מיט אזא רציחה געווילדעוועט, אז מיר האבן אליין נישט געקענט גלויבן, אז נעכטיקע שכנים, מענטשן מיט וועלכע מען איז באקאנט אלע יארן, זאלן אזוינס קענען טאן.

נאר דאס איז געווען בלויז אן אנהויב צו ווייטערדיקע פארפאלגונגען. אויף צומארגנס האבן זיי געצוואונגען מערערע שטעטלדיקע יידן, אז זיי זאלן צוזאמען־קלייבן די רעשטן אויף א הויפן און פארברענען. מיט א ווילדן געלעכטער און מיט היסטערישער פרייד האבן זיי זיך צוגעקוקט דעם פלאמענדיקן שייטער־הויפן. דאס גליענדע אש און די פארשווארצטע בלעטער זיינען געפלויגן העט ווייט ביזן הימל און מיר־די עדה יידן האבן געמוזט צוזען דעם שאנד אקט.

און אזוי איז יעדן טאג וואס אנדערש געווארן צוגעטראכט פאר אונז. איין גזירה נאך אנדערער האט אונז אזוי מאראליש צעבראכן, אז מיר האבן אלץ אנגענומען פאר גוט און געבעטן גאט, אז ס׳זאל ניט ערגער ווערן...

שאנד לאטע

מיט די קאמענדאנטורן, וואס פלעגן זיך אפט בייטן, האבן מיר אלע מאל געמוזט וואס אנדערש מיטמאכן, ניט וויסנדיק וואס זיי ווילן פון אונז.

אין א קורצער צייט ארום זיינען מיר געצווונגען געווען אנצוטאָן די געלע שאנד־לאטע, וואס האט אזוי שרעקלעך נידערגעשלאגן און דערנידריקט. אומעטום האט מען אונז גלייך באמערקט, אזוי ווי מיר וואלטן געווען די גרעסטע פארברעכער.

גלייך נאכדעם איז אונז געווארן פארבאטן צו גיין מיטן טראטואר, נאר מיטן ברוק, אזוי ווי אלע פיר פיסיקע. דערצו האבן מיר געמוזט שווער ארבעטן און יעדן באדינען. מיר זיינען געווען אזוי ווי שקלאפן; ווו מען האט נאר געדארפט ארבעט־הענט, זיינען מיר גלייך גרייט געווען און מען האט אונז קיין רו נישט געגעבן טאג און נאכט. מיר האבן איבער זיך נישט געהאט וואס צו זאגן און וואס צו באשטימען. אויך איז געווען פאר אונז אונטער טויט־שטראף פארבאטן דאס שטעטל צו פארלאזן, אדער צו באווייזן זיך אויפן מארק, כדי עפעס צו קויפן. מיט אריער איז געווען אונז פארבאטן צו רעדן, אדער צו זיין אין געשעפטלעכע באציאונגען און דעם קריסט האט אויך געדראט א שטראף פאר וועלכע נישט איז באציאונגען מיט אונז. אין אזעלכע אומשטענדן האבן מיר געמוזט לעבן, איזאלירט פון דער אויסערלעכער וועלט, פארפאלגט און געראָדפט.

יעדן טאג נייע גזירות

ניט קומענדיק נאך צו זיך פון די זארגן, פלעגן מיר גלייך אויפגערודערט ווערן מיט אן אנדער זארג. אט האט מען אונז געוואלט איינגלידערן אין א געטא. און דאס האט ביי אונז ארויסגערופן א שרעקלעכע צערודערונג. מען איז ארומגעגאנגען פארזארגט און צעבראכן. מען האט געפרווט אפשרייען די גזירה, אבער דא איז געשען א צופאל. פאר אונז האט זיך געפאדערט א ספעציעלע גאס ערגעץ אין א זייט און די קריסטן פון יענער גאס האבן ניט געוואלט פארלאזן זייערע הייזער. זיי האבן זיך ענערגיש קעגנגעשטעלט און א דאנק דעם האט מען אונז געלאזט צו רו. דערפאר האט מען אבער אלע רייכערע יידן ארויסגעטריבן פון זייערע וווינונגען און מ'האט זיי צוזאמען־געשפארט צו 2 פאמיליעס אין איין הויז. אויך האבן מיר געמוזט אויף יעדן יידישן הויז אויס־

מאלן א מגן־דוד אלס באוויז, אז דא ווינט א ייד. עס האט אונז זייער געקרענקט, ווייל יעדעס מאל ווען די מיליטערישע קאמענדאנטור פלעגן אוועקגיין און אן אנדערע פלעגט קומען, האבן מיר געמוזט זיין גרייט אויף אלערליי שיקאנעס. נאר דאך האבן מיר זיך געפרייט מיט דעם, וואס מיר זיינען ניט איינגעשפארט אין א געטא. די פויערן פלעגן קענען קומען צו אונז און מיט אונז טוישן זאכן אויף לעבנסמיטל. אויך האבן מיר זיך געקענט ווען ארויסכאפן אין די הייזער און גיין וואס ארגאניזירן צום לעבן. אויך האבן מיר געקענט צו יענער צייט העלפן פארשידענע פליטים, וואס זיינען געלאפן פון די ליטווישע מערדער און געזוכט אן עיר־מקלט. פיל האבן זיך אויסבאהאלטן ביי אונז; אנדערע פלעגן געשיקט ווערן אין די שכנותדיקע געטאס.

כוליגאן גרעב און זיין סוף

צו יענער צייט איז נאך מעגלעך געווען אין אייניקע גאסן אויסצוהאלטן. מיר האבן נאך געהאט א ביסל רו. ווייל די געסטאפא איז נאך נישט געווען איינגעפעסטיקט. עס האט נאך געגאלטן די מיליטערישע מאכט. אמערסטן האבן מיר אין יענער צייט געהאט אויסצושטיין פון די מערדערישע שכנים. באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט א געוויסער כוליגאן מיטן נאמען גרעב. ער האט געקענט רעדן גוט דייטש און א דאנק דעם האט ער איבעראל געהאט א צוטריט. ער האט אונז מער פון אלע אנדערע פארביטערט דאס לעבן. יעדער איינער האט אים אויסגעמיטן, ווייל ער האט יעדן שאנטאזשירט, אויסגעפרעסט ביי יעדן, וואס עס האט זיך נאר געלאזט. ער פלעגט קומען צו א יידן און זאגן אים, אז ער איז געשטאנען אויף דער ליסטע אומגעבראכט צו ווערן, נאר ער, גרעב, האט זיך איינגעשטעלט פאר אים; דערפאר וויל ער עפעס פאר זיין מי — און פרובירט אים ניט געבן? — און מען האט געגעבן...

דער עיקר איז ער געווען זייער אַן אפטער אריינגייער ביים שניידער יוסף שטיינגארט. ער האט פאר אים געמוזט אומזיסט נייען. ער איז אויך געווען דער פארמיטלער צו מודיע זיין אין יודענראט. אויך ביים יודענראט האט גרעב געפאדערט פארשידענע סומען און מען האט אים געמוזט געבן. מען האט זיך מיט אים קיין עצה ניט געקענט געבן. מען האט פארשידנס פרובירט, ווי אזוי פטור צו ווערן פון אים, נאר צוליב אונזער געפאלנקייט איז שווער געווען אנהויבן אן אפענעם קאמף מיט אים.

פונדעסטוועגן האבן מיר אויך געקענט עפעס אויפטאן. איך האב איין מאל פארגעשלאגן דעם עסקן שלום יאוונאוויטש ע״ה, אז עס האט דאך קיין זין יעדן חזיר צו שמירן, און איך האב געגעבן פארשידענע איינפאלן, נאר ער האט מיך אויסגעלאכט און געזאגט: „דו ביזט א העלד? — גיי טו וואס! יעדער איינער איז א העלד אונטער אויוון״. עס פארשטייט זיך, אז לייכט איז ניט געווען, אבער סוף כל סוף איז געבליבן ווי איך האב געזאגט. צו יענער צייט איז געווען קאמענדאנט א געוועזענער פוילישער פאליציי אפיציר; מיט געלט האט מען געקענט עפעס מאכן מיט אים. אויך ער האט געטראגן א האס אויף גרעבן ווייל זיי, די פוילישע כוליגאנעס, האבן זיך ניט געקענט צוזאמען־רעדן מיט די דייטשע מערדער. גרעב איז געווען איבעראל און זיי האבן פאר אים אויך אנגעהויבן מורא צו האבן און דאס האט זיי געקרענקט. מען האט אזוי ארום אפגעמאכט, אז ווען גרעב וועט קומען צום שניידער פאדערן זאכן פון יידנראט, זאל יענער פארלאנגען א שריפטלעכע ביטע, ווייל דער יידנראט גלויבט ניט דעם שניידער. און אזוי איז טאקע געווען. פרייטיק פארנאכט איז ער געקומען מיט א פארטיקער רשימה, אין וועלכער ס׳זיינען געווען אויסגערעכנט שטיוול, א ווארעמע קורטקע, וועש פארן ווייב, וואליקעס מיט קאלאשן, פאר־שידענע געשיר, און נאך פיל אנדערע זאכן. אויך האט מען אים מכבד געווען מיטן ביטערן טראפן, און אז ער איז געווארן אביסל הייטערער, האט ער אנגעהויבן צו שיטן פעך און שוועבל אויף דער פאליציי און אויף די דייטשן. אין דרויסן האבן שוין געווארט די פוילישע פאליציאנטן און ווי ער איז ארויס באלאדן פון קאפ ביז די פיס מיט פארשידענע זאכן, האט מען אים גלייך געפאקט און אפגעטראנספארטירט ווו דער פעפער וואקסט. הלוואי אזא סוף אויף אלע אונזערע שונאים!

בלוט־בילבול וועגן ווילייקע

מיר האבן אויף א קורצער צייט אביסל פרייער אפגעאטעמט, אבער אויך ניט אויף לאנג. די בלוטיקע שונאים האבן געזוכט און געלויערט אונז צו פארפינצטערן דאס לעבן און צו שיקאנירן. צו יענער צייט זיינען ארומגעגאנגען פארשידענע בילבולים, און געמיינע ליגנס וואס מען האט אויסגעזויגן פון די פינגער. אין צייט פון די סאוויעטן זיינען געווען זייער פיל ארעסטירטע אין אלט־ווילייקער טורמע, און אז ס׳איז געקומען די צייט פון פארלאזן די שטאט, האבן די סאוויעטן אויף א שרעקלעכן אופן אומגעבראכט אלע פאליטישע ארעסטירטע. האט מען געלאזט א קלאנג, אז יידן האבן דאס געמאכט, און

ס'איז געקומען די צייט זיך אפצורעכענען מיט די „זשידעס״. אן אויפגעהעצטער המון איז אװעק אין װיליקע אויפזוכן פריינט, באקאנטע און קרובים. מיר האבן געװארט מיט װאס זיי װעלן קומען. מען האט געפרובירט װאס צו פועלן ביים היגן גלח, נאר ער האט קיין זאך ניט צוגעזאגט. זונטיק דעם 27־טן יולי 1941, האבן מיר זיך געריכט אויף א בלוטיקן פאגראם. ס'זיינען ארומ־געגאנגען שטעטלדיקע כוליגאנעס מיט מעסערס און אייזנס אין די הענט. אויך פון די ארומיקע דערפער זיינען געקומען א סך גויים. דער צעיושעטער עולם האט בלויז געװארט אויף א צייכן. איז מען אװעקגעלאפן צום דייטשן מיליטערישן קאמענדאנט, װאס איז געשטאנען הינטערן שטעטל. ער האט ארויס־געשיקט 2 סאלדאטן מיט ביקסן אין די הענט און זיי האבן צוטריבן דעם װילדן צעיושעטן עולם. מיר האבן אויף א װיילע פרייער אפגעאטעמט, דאסמאל אפגעקומען בלויז מיט שרעק. אבער אונזער גורל איז סייווי געװען א געחתמטער.

פיין און צארן

שבת ערב תשעה־באב, דעם 2־טן אויגוסט 1941, האבן מיר װידער איבערגעלעבט שרעק. אין אונט זיינען מיר װי געװיינלעך געשטאנען ארום אונזערע הייזער, אראפגערעדט זיך פון הארצן. פיל מיליטער האט מארשירט אין דער ריכטונג צום פראנט. מיט איינמאל איז געװארן א בהלה, א באנדע שטעטלדיקע פאליציי האט זיך אװעקגעלאזט יאגן נאך יידן, געכאפט מענער און געפירט אין דער „פאזשארנע״ (בנין פון די פייערלעשער). יעדער איז זיך געלאפן אויסבאהאלטן. נאך מיר איז נאכגעלאפן א פאליציאנט אויף א ראװער, נאר איך האב זיך באװיזן ארייננצוכאפן אין א קלאזעט. ער האט מיך געזוכט איבעראל, נאר איך האב נאך גאט־צו־דאנקען גליק געהאט, און איך בין אפגעקומען נאר מיט שרעק.

די אלע, װאס מען האט צוזאמען־געטריבן האט מען געפייניקט און געשלאגן. אויף צו מארגנס האט מען זיי געטריבן צו דער ארבעט און זיי האבן געמוזט מארשירן און זינגען. מען האט זיך משתדל געװען פאר זיי דורך פארשידענע אנגעזעענע קריסטן, װאס פלעגן דערפאר באצאלט װערן; נאך א פאר טעג פון פיין, האט מען זיי באפרייט.

אין א קורצער צייט ארום האט מען ארעסטירט דעם שוחט אברהם גאלדזנעגער. א שטעטלדיקער כוליגאן האט זיך אויף אים ספעציעל אנגעזעצט. מען האט איבעראל אפגעקלאפט די טירן, מען האט געשאטן מיט געלט,

צירונג און נאך א לענגערער צייט האט מען דעם שוחט באפרייט. די פרייד אין שטעטל איז געווען גרויס, אז מיר האבן אים אפגעראטעוועט פון א זיכערן טויט.

און אזוי טאג טעגלעך פארשידענע שרעק, פארשידענע בילבולים, פאר־שידענע זארגן פארן קומענדיקן טאג. די שווערע ארבעט דערצו, די פארשידענע קאנטריבוציעס. יעדן איינעם האט מען געמוזט געבן. אלעמען האט מען געמוזט שמירן. עס נעמט ניט קיין סוף, עס הויבט זיך ערשט אן, אז מען לעבט איבער א טאג גאנץ מיט די ביינער מוז מען גומל בענטשן. עס האבן זיך גענומען דערנענטערן אונזערע יום־טובים, נאר ווער האט געוווסט פון יום־טוב. אונזערע יום־טובים זיינען פארשטערט און מיט בלוט באגאסן געווארן. יום כפור האבן מיר געמוזט שווער ארבעטן. ביינאכט זיינען מיר געזעסן פאר־שטעקט אין די הייזער, ניט געטרויט זיך די נאז ארויסצושטעקן. די כוליגאנעס האבן אין אייניקע יידישע הייזער די פענצטער אויסגעבראכן, איבערגעשראקן די קינדער. מען האט געוויינט אויפן טרויעריקן גורל און געבעטן מיט בלוטיקע טרערן, אז גאט זאל זיך מרחם זיין. אזוי איז אריבער יום־כפור און מען האט געדאנקט, אז מיר זיינען נאך אלע צוזאמען.

טייוולאנישער מארד

דערפאר האבן מיר געהאט א שרעקלעכן סוכות. דעם 5־טן אקטאבער 1941, שבת פארנאכט, איז דאס געווען. מיט א טאג פריער, דאס הייסט שבת, איז געקומען פון דערבייאיקן שטעטל סויר, א שטראף קאמענדע — אזוי האט מען גערעדט. וועגן וואס האט מען ניט געוווסט, נאר א פארגעפיל האט מען געהאט, אז קיין גוטס האבן זיי פאר אונז ניט געבראכט. צום גרויסן באדויערן האבן אונז די סוירער יידן ניט מודיע געווען מיט וואס פארא פארשוינען מיר האבן צו טאן. ווי ס׳איז שפעטער באקאנט געווארן, האבן זיך די סוירער יידן אויסגעקויפט פאר א גרויסער סומע געלט.

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג איז אין דער היים געווען, ווייל ארומגיין אן ארבעט איבער די גאסן איז געווען זייער געפערלעך. ביינאכט איז דאס אויסגעמאטערטע שטעטל געשמאק געשלאפן. פאר אונז איז די נאכט געווען א קורצע רו. אין דער גמינע האבן זיך צוזאמענ־געזאמלט די שטעטלדיקע קריסטן מיטן בירגערמייסטער בראש און ס׳איז געחתמעט געווארן אונזער גורל, ווער צום לעבן און ווער צום טויט. וועמען

האט געקענט איינפאלן דער טייוולאנישער פלאן, וואס מען גייט אויספירן? ווער האט געקענט גלויבן, אז היינט אין פאר א סך פון אונז דער לעצטער שבת?

זונטיק גאנץ פרי בין איך ארויס זען, וואס עס הערט זיך אין שטעטל, ווייל קיין רו האב איך ניט געהאט און איך גלויב, אז יעדן איינעם איז אזוי געגאנגען, ווייל ביי יעדער באגעגעניש איז נאר איין פראגע געשטאנען: נו? וואס הערט זיך היינט?

צו מיין איבערראשונג האב איך דערזען אט דאס, וואס איך האב פאר־געפילט. א גרויסע גרופע באוואפנטע דייטשע מערדער האבן זיך געלאזט צו די יידישע הייזער, און מען שלעפט יעדן איינעם פון די הייזער. מען האט זיי קיין זאך ניט געלאזט מיטנעמען, בלויז א קליין פעקעלע. אויף דער פראגע וווהין מען פירט זיי, האבן די מערדער געענטפערט, אז באלד וועלן קומען ספעציעלע פורן און מען וועט זיי פירן אויף ארבעט אויף פאליגאן, ארום פאדבראדז. דערווייל האט מען זיי אפגעפירט אין דער „פאזשארנע" און דארט אלעמען פארשפארט.

עולם איז פון גרויס שרעק זיך צעלאפן ווו איינער האט געהאט די מעגלעכקייט. איך האב אפילו ניט באוויזן צוריק ארייןלויפן אין שטוב. אנגעטאן נאר אין א לייכטער בלוזע בין איך געלאפן איבער די גערטנער, פעלדער און גלייך אין וואלד אריין. פאליציי און סאלדאטן האבן אונז נאכגעיאגט. פיל האבן זיך אויסבאהאלטן אין דערבייאיקן ד׳ערפל קופע, ביי א געוויסן גאלאוואצקי, א פאלאק, וואס האט אונז זייער פיל געהאלפן. ער איז פריער געווען דער פארזיצער פון דער ים־ליגע (ליגא מארסקא), א פוילישער פאטריאט, האט ער געטראגן א גרויסע שנאה צו די דייטשן. ער האט געהאט ביי זיך 2 יידישע פאמיליעס פון ווארשע און אייניקע וואכן האט ער זיי אויסבאהאלטן. מען האט ביי אים געפאדערט און זאגאר געדראט, אז ער זאל זיך אזוי נישט איינשטעלן פאר די יידן און ער האט זיך געמוזט צוריקציען.

איך אליין האב ניט באוויזן צו לויפן מיט אלעמען צוזאמען, האב איך זיך פארשטעקט אין וואלד אין א גרוב צווישן הויכע גראזן און בוימלעך. איך בין געלעגן ביז ס׳איז געווארן גוט טונקל. א צעבראכענער און אויסגע־שעפטער בין איך געלעגן אין גרוב און האב ניט געפילט די גלידער. שרעקלעכע געדאנקען האבן מיך געפייניקט. וואס טוט מען און וווהין גייט מען? ניט ווילנדיק קומט ארויף אויפן געדאנק, אז היינט איז סוכות, אזא ליבער יום־טוב...

ס'איז צוגעפאלן דער אוונט. איך בין ארויס פון מיין באהעלטעניש. איך קריך אויף אלע פיר, מען זאל מיך ניט באמערקן, איך שטעל זיך אויף און לויף, מיינע פיס טראגן מיך, אז איך שפיר נישט אונטער זיך דעם באדן. איך כאפ זיך אריין אין דארף. איך זוך מיינעם א באקאנטן קריסט. ווען ער האט מיך דערזען, האט ער זיך מער דערשראקן ווי איך און ער האט מיך ניט אריינגעלאזט, ווייל ער האט מורא געהאט. ער האט מיר געהייסן אריינגיין צו אים אין שייער, דארט איז ער ניט פאראנטווארטלעך. נאר גיי און געפין זיין שייער, אז עס איז שטאק פינצטער. איך האב זיך געלאזט גיין צוריק און אזוי בלאנקענדיק איבער די גערטנער האב איך אנגעטראפן א מיןביידל אויף 4 שטאנגען, אין וועלכער ס'האבן זיך געטריקנט בולבאווניקעס. איך בין אריין אין ביידל און עס האט מיך אביסל געשיצט פון ווינט און דער עיקר פון מענטשן.

אין דאזיקן ביידל בין איך אפגעשטאנען כמעט א גאנצן מעת־לעת, ביז אויף מארגן אוונט. איך האב געמיינט, אז איך וועל דאס ניט אויסהאלטן. די קעלט, דער הונגער, די שלאפלאזיקייט האבן מיך געפייניקט. איך שטיי באזארגט, איך ווייס ניט וווהין הויבט מען אן צו גיין. איך שלאג זיך מיט מיינע געדאנקען און אט הער איך א בילעריי פאר מיין ביידל, א הונט האט זיך געיאגט נאך א קאץ און אזוי ארום מיך אנדעקט און ער האט איינגעריסן די וועלט מיט זיין בילן. אויף זיינע קולות איז דער פויער ארויס זען, וואס דא קומט פאר. ער האט געזוכט, ביז ער האט דערזען, ווי א מענטשלעכע געשטאלט שטייט צוגעשמידט צום פלאץ, ער האט מיך בארואיקט, אז איך זאל זיך נישט שרעקן; ער האט מיר געהייסן בלייבן אויפן ארט. ער האט מיר ארויסגעטראגן א שטיק שווארץ ברויט און געהייסן עסן. איצטער האב איך שוין אבער קיין רו ניט געהאט: קוים ווייס ער פון מיין באהעלטעניש, איז שוין אויס סוד.

ווי ס'איז נאר געווארן נאכט, בין איך גלייך ארויס און אוועק פון דעם ארט. איך בין ווידער אוועק צו מייען פויער. איך האב אים דערציילט, וואס מיט מיר האט פאסירט. ער האט מיך אריינגעלאזט, געהייסן ארויפקלעטערן אויפן באק־אויוון. איך זאל זיך דערווארעמען און ער האט מיר געגעבן וואס צו עסן און ווען ס'איז געווארן גוט פינצטער, האט ער מיך אליין אוועקגעפירט אין זיין שייער און געהייסן ארויפקלעטערן אויבן אויפן היי און טיף זיך איינגראבן, אז קיינער זאל מיך ניט זען. ער האט מיר געגעבן מיט וואס זיך צודעקן און איך האב געפרוווט איינשלאפן; ליידער האב איך נישט געקענט, ווייל גרויסע

שטשורעס זיינען ארומגעלאפן און זיך געראיעט אין דער ערד. איך האב מיך פעסט צוגעדעקט, אז מיינע אויערן זאלן קיין זאך ניט הערן, ביז איך בין אנטשלאפן געווארן.

אויף מארגן, ווען די קריסטין האט מיר געבראכט אין א קויש פארשטעקט וואס צו עסן, האב איך איר געבעטן, אז זי זאל מיר טאן די געפעליקייט צוגיין אין שטעטל א קוק טון, וואס ס'הערט זיך דארט און וואס ס'איז געשען מיט מיין הויזגעזינד. זי האט מיר צוגעזאגט, אז זי וועט אלץ דערליידיקן און איך בין געבליבן ווארטן מיט גרויס אומגעדולד מיט וואס פאר נייס זי וועט קומען. מיטאג־צייט איז זי געקומען און איבערגעגעבן, וואס ס'איז פארלאפן אין שטעטל. זי האט מיך בארואיקט, אז איך זאל זיך ניט שרעקן, ס'איז אלץ ווי געווען, מענטשן גייען צו דער ארבעט ווי געוויינלעך, זי האט אויסגערעכנט, וועמען מען האט אומגעבראכט און געזאגט, אז איצטער קאן איך גיין רואיק אהיים. איך האב מיך אוועקגעלאזט איבער זייטיקע וועגן און פעלדער צו זיך אהיים. אז מיר האבן זיך געטראפן איז אזוי ווי איך וואלט פון יענער וועלט צוריק־געקומען... די שמחה איז געווען גרויס, אבער דער ווייטיק אין הארצן נאך גרעסער — ווי לאנג וועט דויערן דאס טראגישע שפיל?

די שחיטה...

די מענטשן, וואס מען האט צוזאמענגעטריבן אין בנין פון די פייער־לעשער, האט מען אומגעבראכט הינטערן שטעטל נעבן דעם קריסטלעכן בית־הקברות, יעדער האט זיך געמוזט שטעלן אויף די קני מיטן געזיכט צו די גריבער און פון הינטן האט מען געעפנט א פייער און מען האט זיי אויסגעשאסן. די, וועלכע זיינען נאכדעם געצוווּנגען געווארן זיי צו פארשיטן, האבן איבער־געגעבן שוידערלעכע בילדער. פיל האבן נאך געלעבט און זיי האבן זיך נאך געראנגלט אין גרויסע יסורים פארן טויט. קינדער זיינען ארומגעלאפן האלב דערשאסענע אין גרוב און ביטער געיאמערט. א מוטער האט נאך געוואלט ראטעווען איר פיצעלע קינד פון 3 חדשים, האט זי אים אין א פעקעלע איינ־וויקלט און אוועקגעלייגט צווישן די ביימער, אפשר וועט זיך נאך ווער מרחם זיין אויף אים. נאר ער האט אנגעהויבן צו וויינען און א מערדער האט דאס דערהערט און פארענדיקט זיין לעבן.

די שרעקלעכע געשעעניש האט אונז אזוי צעבראכן, אז מיר האבן ניט געקענט צו זיך קומען. די פארצווייפלונג, דער חורבן איז געווען גרויס, ניטא קיין ווערטער דאס צו שילדערן, ניטא קיין טרייסט.

און דאס איז די רשימה פון די קדושים פון דער ערשטער שחיטה:

יצחק קראווצינסקי, פרוי, שוויגער־עלטערן און קינדער; זיין זון אפרויקע האט זיך געראטעוועט א דאנק דעם וואס ער איז געווען צווישן די, וואס האבן געגראבן און פארשאטן די גרוב. פאר זיינע אויגן ממש איז אומגעקומען זיין גאנצע משפחה.

קלומעל, 3 פערזאן;

שניידעראוויטש, 4 פערזאן;

טאדרעס יהודית מיטן קינד, 2 פערזאן איר מאן איז אנטלאפן;

משה באטווניק, חיה־לאה סימעס, 2 קינדער, 4 פערזאן;

לעוויטאן פרידע, 2 קינדער און דער ברודער; לעוויטאן, איר מאן, האט זיך דעמאלט געראטעוועט. שפעטער — איז ער אומגעקומען אין גלובאקער געטא.

מאיר גאטאווניק, מיט זיין ווייב און זון, 3 פערזאן;

קאסאווסקי, דעם רב'ס איידעם, זיין ווייב און קינד, 3 פערזאן;

שפירא שרגא, דער לערער מיט זיין פאמיליע, 4 פערזאן;

יאוונוביטש שלמה;

גרינבערג יענקל ביניש (ער האט געוואלט זיין זון פארבייטן ביים קובר זיין די קדושים, האט מען אים אויך דערשאסן);

חדש מינע און איר מוטער, 2 פערזאן;

פריידקע די בעקערקע —

די אנדערע קדושים געדענק איך ניט גענוי.

אין עטלעכע טעג ארום האבן מיר געמוזט צענויפזאמלען די זאכן פון די געהרגעטע. די בעסערע זאכן האבן די מערדער צוגענומען פאר זיך. מעבל, געשיר, פארשידענע זאכן. פולע וועגענער זיינען צוזאמענגעפירט געווארן אין דער גמינע און פארקויפט געווארן צו דער קריסטלעכער באפעלקערונג פאר זייער א ביליגן פרייז. די גויים האבן די זאכן גערן געקויפט. מען האט זיך געווארפן אויף די זאכן ווי זשעדנע פליגן, א קלייניקייט, אזא מציאה (!).

✶

מאנטיק דעם 13־טן אקטאבער 1941, זיינען אנגעקומען עטלעכע געסטאפא־ווצעס און געפאדערט פון יידנראט, אז אין פארלויף פון 20 מינוט זאלן ווערן

צוגעשטעלט גאלדענע זייגערלעך, א זאק צוקער, עטלעכע קילא לעדער און נאך פארשידענע אנדערע זאכן. זיי האבן געדראט צו דערשיסן 3 מאן אויב מען וועט ניט נאכקומען זייערע פארלאנגען. זעלבסטפארשטענדלעך, אז מיר האבן זיך געגעבן די מי און וואס מיר האבן נישט געהאט, האבן מיר געקויפט ביי די קריסטלעכע ספעקולאנטן פאר א געפעפערטן פרייז. אויסער דעם האבן מיר געמוזט מאכן ספעציעלע מונדירן פאר דער שטעטלדיקער פאליציי און פאר יעדן איינעם פון זיי א פאר שטיוול. אזוי האט אונז געקאסט יעדן טאג; מיר זיינען שוין אויסגעשעפט געווארן. מיר האבן פון זיך אלץ פארקויפט אבי נאר ווי ווייט מעגלעך צו ראנגלען זיך.

איוב בשורות

נאך ערגער איז געווארן אונזער טרויעריק לעבן, ווען די ווייסרוסן האבן איבערגענומען די מאכט. ס׳איז געווארן אוממעגלעך אויסצוהאלטן ! פינצטערער יואלקן האט זיך אראפגעלאזט אויף אונזערע קעפ. א נייע בלוטיקע כוואליע האט ארומגענומען די גאנצע געגנט און איין שטעטל נאכן צווייטן איז אפגעמעקט געווארן פון דער וועלט. שרעקלעכע בשורות זיינען דערגאנגען צו אונז. קיין פעדער קאן ניט שילדערן די שרעקלעכע אכזריות פון די ווייסרוסישע. מערדער. אויב די ערשטע צייט זיינען אומגליקלעכע מענטשן געלאפן פון די מערדערישע פארפאלגונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין ליטע און געזוכט שוץ ביי אונז, זיינען איצטער מענטשן געלאפן פון די שחיטות, וואס זיינען פארגעקומען ביי אונז אין ווייסרוסלאנד און געזוכט שוץ ביי די נעכטיקע מערדער. צו אונז פלעגן קומען פליטים און איבערגעבן וועגן די שרעקלעכע געשעענישן, וואס קומען פאר אין דאקשיץ, דאלהינאוו, קריוויטש, קורעניץ און אין פיל אנדערע שטעטלעך. זיי פלעגן דערציילן וועגן די גרויליקע זאכן, וואס ווערן געמאכט מיט די אומבאהאלפענע יידן. אויף אונז האט דאס זייער שטארק געווירקט. מיר האבן געוווסט, אז באלד וועט קומען אונזער ריי; דער בלוטיקער שטראם, וואס האט פארפלייצט יענע געגנט וועט אונז אויך ניט אויסמיידן און פאר יענעם טאג האבן מיר געציטערט, ווי ווייט זיינען מיר דען פון יענעם גיהינום? מיט וואס זיינען מיר בעסער פון יענע אומגליקלעכע יידן? נעכט זיינען מיר ניט געשלאפן, שווארץ ווי׳ די ערד זיינען מיר ארומגעגאנגען. יעדער האט געלויערט אויף אונזער נאקעטן לעבן: פאלאקן, רוסן, אוקראינער, ליטווינער, דייטשן. און אזוי, אין שרעק, איז אויך דער זומער פארשוווּנדן.

✶

דער ווינטער איז אנגעקומען זייער א שווערער און א שטרענגער. אין די גרויסע פרעסט, שנייען און זאוויערוכעס האבן מיר אנגעהויבן אביסל צו האפן, אפשר וועט דער ווינטער באזיגן דעם שונא און אביסל לייכטער איז טאקע געווארן. זיי האבן אונז עטוואס צורו געלאזט אויף א קורצער צייט. מיר האבן געהערט, אז אין די טויזנטער זיינען זיי געפאלן ווי פליגן פון קעלט אויפן פראנט און מיר האבן זיך דערמיט געטרייסט. מיר האבן גענומען האפן, אז מיר וועלן פון זיי בקרוב אויסגעלייזט ווערן.

*

פרייטיק דעם 2־טן יאנואר 1942, איז ארויס א פאראָרדנונג, אז יעדער מוז גיין רוימען דעם וועג, וואס גייט פון מינסק קיין ווילנע. ביי אונז איז דאס געווען א באוויז, אז זיי גייען צוריק. ווי שווער און ביטער האבן מיר געמוזט קעמפן מיטן ווילדן שניי־שטורעם און שטארקן פראסט ביז שפעט אין דער נאכט! ווי פלייסיק מיר האבן געארבעט האבן מיר זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מיטן ווילדן שטורם־ווינט — און אייניקע מינוטן ארום איז קיין זכר ניט געבליבן פון אונזער ארבעט, בלויז בערג מיט שניי! נאר מיט דעם האבן מיר זיך געפרייט, אז באלד וועט נעמען א סוף צו אונזערע ליידן! אבער אויך דער ווינטער איז אריבער און אונזער האפנונג איז צערונען געווארן.

א פאל מיט א פאפ

ס'איז פארגעקומען א פאל מיטן ארטיקן פאפ. ער האט געהאט גענומען ביי דוד לייב סווירסקין פארשידענע זאכן אויסצובאהאלטן. וויפל מען האט אים געמאטערט און וויפל מען האט אים געפייניקט האט ער ניט ארויסגעגעבן און א דאנק דעם איז סווירסקין קיין זאך ניט געשען. דעם פאפ האט מען אוועק־געפירט אין אלט־ווילייקע און דארט האט מען אים אזוי לאנג געפייניקט, ביז ער איז אומגעקומען. עס האט קיין זאך ניט געהאלפן, אויך ניט דאס איינשטעלן זיך פאר אים פון דער גאנצער פאראפיע.

פרילינג 1942

מען האט געפאדערט פון אונז מענטשן אויף ארבעט פאר דער געסטאפא אין מיאדל. קיינער האט ניט געוואלט פרייוויליק גיין. ביז מען האט צוזאמענ־געבראכט די געפאדערטע צאל האט לאנג געמוזט דויערן. איך האב אויך

געמוזט פארן. פאר פסח איז דאס געווען, אז מיר האבן זיך גערירט אין וועג. די משפחות האבן אונז שוין אפגעווײנט און אפגעקלאגט: ווער ווייס, וואס מיט אונז קאן געשען? איך האב געארבעט ביי מיין פאך אלס מאלער, די איבריקע ביי שווארצער ארבעט. א וואך צייט האט געדויערט און איך בין געקומען צוריק אהיים. די אנדערע זיינען נאך דארט געבליבן ארבעטן.

ס׳איז אנגעקומען דער פרילינג און מיט אים פרישע זארגן און שרעק. די ווייסרוסישע מערדער איז געגעבן געווארן די מאכט און זיי האבן געהאט צו זאגן אויף אונזער לעבן. קיין געלט האט ניט געהאלפן. קיין געוויין און טרערן האט זיי ניט גערירט. אונזער לעבן און פארמעגן האט געהערט צו זיי און מיר זיינען געווען אנגעוויזן אויף זייער חסד.

מעשה מיט פליטים און שרעקלעכער מארד

דעם 30־טן מאי 1942, א וואך נאך שבועות. ס׳זיינען דעמלט געווען הערלעכע וועטערן. שיינע ווארעמע טעג פול מיט ליכט; די ליבע זון מיט אירע ליבע שטראלן האט יעדן געווארעמט. פאר די אלע אומגליקלעכע, וואס זיינען געטריבן געווארן פון שווערן גורל איז דער זומער געווען א שטיקל רעטונג. עס איז געווען א מעגלעכקייט צו לויפן און דער וואס האט געקענט, איז געלאפן. פון די, וואס האבן געזוכט אן עיר המקלט, זיינען געווען עטלעכע יידן פון קריוויטש, וואס זיינען אנגעקומען אין מיטן נאכט פון מיאדל, איבער דער אזיערע נאראטש און זיי האבן זיך געזאלט אויפהאלטן ביי חנא דימענטשטיין.

אין אזא לאגע, ניט ווינסדיק ווו ער ווינט, האבן זיי צופעליק אנגעקלאפט ביי אהרון־לייב נאראצקי, ער זאל זיי ווייזן, ווו חנא ווינט. אנשטאט זיי צופירן צו חנאס הויז, האט ער זיי אויפגעגעבן, אז דארט און דארט געפינט ער זיך, און זיי זיינען אליין אוועק זוכן — און געטראפן האבן זיי אין שכנות צו א קריסט, מיטן נאמען מאזור. לכתחילה האט ער זיי געוויזן ווו חנא ווינט, אבער דערנאך האט ער זיי געמסרט אין דער פאליציי. ער איז שפעטער אליין געווארן א פאליציאנט און האט זיך טרויעריק בארימט געמאכט מיט זיינע רציחות קעגן אונז.

שבת נאכמיטאג איז דאס שטעטל אויפגעציטערט געווארן פון דער ידיעה, אז א באנדע פאליציי האט ארומגערינגלט חנאס שטוב. די שטוב איז געווען געשלאסן, אבער זיי האבן אויפגעבראכן די טיר. געטראפן די 3 איבערגעשראָ־

קענע יידן און זיי גלייך אפגעפירט אונטער א שטרענגער וואך — די הענט אין דער הויך — צו דער פאליציי. מיר האבן געפרווווט עפעס טאן. מען האט געשאטן מיט געלט, געלאפן פון איינעם צו צווייטן, צום בירגערמייסטער, צום קאמענדאנט, ער זאל רחמנות האבן און די זאך צונישט מאכן, איידער די געסטאפא וועט קומען. נאר רעד צו זיי און רעד צו דער וואנט. זיי האבן זיך אנגעכאפט אין דער זעלטענער געלעגנהייט. דער קאמענדאנט סמאלענסקי, ימח שמו, איז געווען א שרעקלעכער טיראן — „איר און אייער געלט געהערן מיר".
— פלעגט ער זאגן. די שטעטלדיקע יידן האבן די נאכט ניט צוגעמאכט קיין אויג. זונטיק נאכמיטאג איז געקומען די געסטאפא. גלייך האבן זיי פארארדנט, אז מען זאל נעמען 5 ערובניקעס, ביז מען וועט געפינען חנא'ן. זיי האבן ארויסגעגעבן א טערמין ביז מארגן פרי, מוז ער ווערן צוגעשטעלט.

דא האט זיך אנגעהויבן די טראגעדיע. מען ארומגעלאפן זוכן חנא'ן איבער די פעלדער, מען האט אים אבער אין ערגעץ ניט געפונען, נאר זיין פרוי אסתר. די גאנצע נאכט איז דאס שטעטל געווען איינגעהילט אין א טרויער. שכנים לויפן פארצווייפלטע איינער צום אנדערן. יעדער פרעגט, וואס ס'הערט זיך, מען פרעגט אן עצה ביים עלטסטן פון יידנראט, ער קאן אויך ניט העלפן. די פרויען פון די געכאפטע מענער זיינען פארצווייפלט, זיי רייסן זיך די האר פון קאפ, וויינען, יאמערן, נישט געקוקט, וואס ס'איז שפעט אין דער נאכט, לויפט מען ארום און מען קלאפט אפ יעדע טיר, ווו מען קלערט נאר, אז ס'איז דא עפעס א פונק פון א מעגלעכקייט צו העלפן. אט נאך א שעה און דער תלין וועט אנהייבן צו געוועלטיקן. מען האט שוין אנגעווארן די האפנונג.

די 5 ערובניקעס זיינען געווען: מיין שוואגער ראובן שטיינגארד (ער איז גראד געלעגן קראנק האט מען אים ארויסגעשלעפט), יצחק יאוונאוויטש (ער איז נאכדעם באפרייט געווארן אויף אסתרס ארט), יוסף יאבלאנאוויטש, חיים ריידער, יעקב־יוספס אן איידעם און בערגער — א יונגער יינגל.

פארטאג, באגינען, ווען דער פאסטוך האט געגעבן צו וויסן אז ס'איז שוין צייט צו טרייבן דאס פי אין פעלד, האבן די מערדער געפירט צו דער שחיטה 8 יונגע יידן. ווען דאס שטעטל איז געווארן וואך, איז שוין געווען נאך אלעמען...

קינדער מארד

ווי עס ווייזט אויס זיינען נאך די מערדער ניט זאט געווען מיט אונזער בלוט. אין דריי טעג ארום האבן זיי געפאדערט די פרויען און קינדער פון די

געהרגעטע, ווייל, די מענער זיינען געווען קאמוניסטן, מוזן זיי אויך אומקומען. די פארצווייפלונג איז געווען גרויס. הילפלאז האבן מיר געמוזט צוקוקן און שווייגן. אויך די פרויען מיט די קליינע קינדערלעך האבן געמוזט פאלן אויפן פארלאנג פון אונזערע מערדער. איידקע ריידער מיט 2 קינדער און מונה־חנה מיט 2 קינדער. מיין שוואגערס קינדער האט מען נאך געפרוווט אויסצו־באהאלטן, נאר די מערדער האבן געלויערט און געזוכט און ניט קענענדיק זיי געפינען, האבן זיי זיך געכאפט אויף טייוולאנישן פלאן. זיי האבן מיין פרוי מיט די צוויי קינדער צוגענומען און אין פאל ווען מען וואלט זיי ניט געגעבן די קינדער פון מיין שוואגער, וואלטן אויך מיינע קינדער און מיט דער פרוי אומגעקומען.

מאנטיק דעם 8־טן יוני 1942 האט מען די 2 קינדער פון מיין שוואגער דערשאסן. ווער האט דאס געהאט כח אויסצוהאלטן?! א צייט האט מען ווען שרעקלעכן אומגליק גערעדט און געהאט וואס צו דערציילן. ביז א צווייטער אומגליק. איז געקומען — און אזוי איז זיך געגאנגען די טרויעריקע צייט פאר אונז אלץ ערגער. מיר האבן ניט געוווסט וואס דער מארגן וועט ברענגען. אן א צוקונפט, אן א האפנונג, פיזיש אויסגעשעפט, מיט געשוואלענע אויגן פון טרערן, מיט צעבראכענע הערצער, זיינען מיר ארומגעגאנגען.

✶

מיט זיין אכזריות האט זיך אויסגעצייכנט א מערדער מיטן נאמען ארשע. זייענדיק דער שטעלפארטרעטער פון קאמענדאנט סמאלענסקי, האט ער זיך געוואלט אויסצייכנען צווישן זיינע חברים. יעדן אוונט איז ער איבערפאלן יידישע הייזער מיטן אויסרייד, אז דא האבן זיך אויסבאהאלטן פארטיזאנער. ער האט זיינע קרבנות בלוטיק געשלאגן. יעדערער האט מורא געהאט צו בלייבן אין שטוב. דער עיקר האט ער זיך אנגעזעצט אויף יוסף דעם קצבס אלטן טאטן. ער האט געוווינט אין שול און דארט פלעגט ער קומען יעדן אוונט א שיכורער, שיקאנירן און שאנטא־זשירן מיט כלערליי נגישות. ער האט ביי אים אויסגעפרעסט געלט און פאר־שידענע זאכן און אזוי טאג־טעגלעך. ער האט אים קיין רו ניט געגעבן. אויב ער האט זיך פארשטעקט און ער האט אים ניט געטראפן, האט ער אים אויף מארגן נאכמער געפייניקט. „ווו ביזטו געווען״? — איז געווען זיין פראגע. „געטראגן עסן די פארטיזאנער״. איין מאל האט ער אים געהייסן טאנצן אויפן טיש. נאכדעם האט דער אויסווארף אנגעפישט אויפן טיש און געהייסן דעם אלטן מאן אויסלעקן. אזוי האט ער בעסטיאליש געפייניקט זיינע אלע קרבנות.

זומער 1942

ס'איז געקומען דער חודש יולי. מיט זיינע הערלעכע וועטערן, נאר ווער האט געקענט געניסן פון דער ליבער נאטור? מיר זיינען געיאגט און פאר־שווארצט געווארן ביי פארשידענע ארבעטן. פיל האבן געארבעט אין מיאדל ביי דער געסטאפא. אייניקע האבן געארבעט אין דער קאמענדאנטור. דער גרעסטער טייל אין דערבייאיקן הויף. אזוי ארום האט יעדער געהאפט, אז די ארבעט וועט אים באשיצן. יעדער איינער האט געזוכט א בעסערן און מער זיכערן ארבעט־פלאץ. די, וועלכע האבן געארבעט אין דער קאמענדאנטור האבן געהאט ניט שלעכט. נאר דא, גראד פון דעם ארט, האט זיך אנגעצונדן א העליש פייער און האט געווארפן פונקען ארום זיך.

בלוטיקע מעשה מיט פוקסן פעל

אין א געוויסן טאג האבן די דייטשן געשיקט זייערן א מענטשן דוד גלאט צום געוועזענעם פוילישן קאמענדאנט סאראפין (אים האט מען אנגעטרויט א פערמע פון זילבער פוקסן, וואס האט פריער געהערט צו די יידן יוסף חדש און לייבע גילמאן). זיי האבן פארלאנגט א פעל פון א פוקס, נאר אנשטאט צו געבן די פעל, האט דער פאלאק דעם ייד ארויסגעטריבן און ער איז געקומען מיט גארנישט. די דייטשן זיינען אליין אוועק אויף דער פערמע און צוגענומען מערערע פעלן. פון דעמלט אן האט דער פאלאק געטראגן א כעס בעיקר אויף חדשן. ער האט זיך צענויפגערעדט מיט דער פאליציי. מען האט גערופן חדשן און גלאטן אין דער פאליציי און זיי אזוי צעשלאגן, אז מען האט זיי ניט געקענט דערקענען. גליאט איז אויף מארגן אוועק צו דער ארבעט. די דייטשן האבן אים דערזען, האבן זיי אים אנגעהויבן צו פארשן, ווי אזוי איז דאס פארגעקומען. ער האט זיך געקווינקלט צו דערציילן, מורא האבנדיק פאר די פאלאקן. נאר זיי האבן אים אזוי געפארשט ביז ער האט אלץ דערציילט. אין א ווילדן צארן זיינען די דייטשן אוועקגעלאפן צום פאלאק: „סטייטש, אונזער אן ארבעטער וועט איר זיך דערלויבן אזוי צו שלאָגן?" ס'איז געווארן יענע בהלה. דער בירגערמייסטער האט גלייך ארויסגערופן די געסטאפא צו מאכן ארדנונג. ווי זיי זיינען געקומען האבן זיי כלומרשט גענומען אויספארשן די זאך. דער בירגערמייסטער האט אין גאנצן פארדרייט דעם ענין; געזאגט, אז עס האנדלט זיך וועגן קאמוניסטן, האבן זיי דערלויבט צו טאן, וואס יענע האבן געוואלט.

האבן זיי טאקע באוויזן וואס זיי קענען. דאנערשטיק נאך מיטאג האבן זיי אנגעהויבן צו בושעווען און ארומלויפן איבערן שטעטל און יעדן וועמען זיי האבן געכאפט, האבן זיי געשלעפט אין דער פאליציי. גליאטן און חדשן האט מען ווידער געבראכט און דאסמאל האט מען זיין שוין כמעט געהרגעט. אויך יאסלס פרוי מיט זיינער א טאכטער האט מען ארעסטירט; גליאטס פרוי איז אנטלאפן און אירע צוויי קינדער זענען איבערגעבליבן ב״י אירן א שוואגער אברהם קיעווסקי, פון בארוף א שניידער. מיט אים איז געווען א יינגעלע פון 3 יאר און א מיידעלע פון 6 חדשים. די פאניק ווערט וואס א מינוט גרעסער.

איך האב דעמאלט געוווינט אין שכנות ביי א קריסט אין א הינטער שטוב. איך האב קיין זאך ניט געקענט זען, וואס עס קומט פאר אין שטעטל. נאר איינע א שכנטע, א קריסטין, האט מיך אריינגערופן צו זיך, אז איך זאל ביי איר זיין. דא האט מען געגוי געקענט אלץ זען דורכן פענצטער. בין איך געשטאנען צוגעשמידט צום פענסטער. עס האט אויף מיר זייער שטארק געווירקט, איך בין באפאלן געווארן מיט א נערוועזער שלאפעריקייט און איך האב געמוזט אויף א ווייל זיך לייגן. ווי לאנג איך בין געלעגן ווייס איך ניט. די קריסטין האט מיך אויפגעוועקט. זי איז לעבן מיר געשטאנען, בלאס ווי די וואנט און געהייסן מיר וואס שנעלער ארויסגיין, ווייל זיי גייען פון הויז צו הויז — און אז זיי וועלן מיך דא געפינען, וועט זי מוזן ליידן.

ס׳איז אזוי באשערט געווען. איך האב זיך געקענט לייכט ארויסדרייען פון דער געשאפענער לאגע, נאר איך בין צעטומלט געווארן. איך האב זיך פארלוירן און איך בין אריין גלייך צו זיי אין די הענט. מיין פרוי מיט די קינדער זיינען אויך מיט מיר געווען, נאר איך האב קיינעם ניט געטראפן. איך האב זיך שטארק דערשראקן און איך האב זיך געלאזט פירן, נאר גייענדיק האב איך געטראכט, אז לייכט וועל איך זיך ניט לאזן אומברענגען.

אין די קאמערן פון אינקוויזיציע

מען האט מיך געבראכט אין א קליינעם, טונקעלן צימער. די פענצטער זיינען געווען פארשלאגן מיט קראטעס, די טיר הינטער מיר האט זיך שווער פאריגלט. אין צימערל זיינען געלעגן אויפן פאדלאגע און געדרייט זיך פון יסורים יאסל דער קצב מיט דוד הירש מענדלס; אויך יאסלס פרוי, ביילקע מיט איר טאכטער זיינען געשטאנען דערנעבן און האבן די אומגליקלעכע געטרייסט.

דאס מיידל האט ביטער געוויינט. דאס בילד האט מיך גלייך ניכטער געמאכט. איך האב זיך ארומגעזען, ווו איך בין אין דער וועלט...

איך האב געפרובירט צו רעדן מיט די מענער, ווי אזוי זיך צו ראטעווען, פארגעלייגט צו אנטוואפנען די 2 שקצים, וואס קומען דא אריין און אנטלויפן. נאר ליידער זיינען עס געווען מער שקעלעטן ווי מענטשן.

אין עטלעכע מינוט ארום האט מען געבראכט א געוויסן זעליג נאראצקי, א פאדבראזדשער פליט, וואס האט שוין ניט פון איין שחיטה זיך געראטעוועט. ווי איך האב אים דערזען, איז מיר לייכטער געווארן אביסל אויפן הארצן. איך האב אים פארגעלייגט מיין פלאן, אז מען מוז זען די 2 מערדער קאלט צו מאכן. דערביי איז געשטאנען א געמויערט אייוועלע. איך האב אייניקע ציגל אראפּגעריסן און מיט דעם האבן מיר געזאלט זיי מכבד זיין. באלד איז אריין איינער א פאליציאנט מיטן נאמען הילמאן. ער האט ביי אונז רעווידירט די קעשענעס. זעליג האט אים געגעבן א טאשן זייגער און מיט דעם איז ער באפרייט געווארן ; איך בין געבליבן, מיין פלאן איז אדורכגעפאלן.

מיר זיצן אזוי באזארגט און צעבראכן, א טויטקייט האט געהערשט אין קאמער. מען הערט נאר, דאס שווערע קרעכצן פון די צעשלאגענע. אין א קורצער ווײלע ארום ברענגט מען אריין יאסלס פאטער און יעקב דעם גארבער ; אויך אייניקע ווייבער און אין א קורצער צייט ארום אויך דעם שוחט. דער שוחט האט אויסגעזען בלאס און נידערגעשלאגן, אבער ער פרובירט נאך אונז צו טרייסטן, הייסט אונז האפן צו גאט. מיר זיצן אלע אויפן פאדלאגע און ווארטן מיט גרויס שרעק, וואס וועט זיין ווייטער.

אין א האלבער שעה ארום האבן מיר דערהערט שווערע טריט איבערן קארידאר, דאס קלינגען פון שליסלען. מיר האבן זיך אלע צוזאמען־געדריקט, זיי זיינען אריין און האבן גענומען פירן איינציקווייז אין א זייטיקן צימער. באלד קומט מיין ריי. איך בין אינגאנצן נידערגעשלאגן, איך וואלט וועלן, אז ס׳זאל שוין נעמען א סוף, נאר וואס גיכער. נאך א קורצער פויזע, קומט אריין דער מערדער ארשע און הייסט מיר מיטגיין. מען פירט מיר אריין אין א צימער און מען הייסט מיר זיך שטעלן נעבן דער וואנט. דער אנדערער האט מיך גלייך מכבד געווען פון הינטן, אז איך בין געפאלן, מיטן געזיכט צו דער וואנט (דאס איז געווען דער מערדער מיטקע). און אזוי פון לינקס אין רעכט, אז איך בין צעטומלט געווארן... זיי האבן מיך אפגעלאזט און אריינגעווארפן מיט

א ווילדער רציחה אין קאמער. צעבראכענע, צעשלאגענע און צעקלאפטע ווי עפל, זיינען מיר געלעגן אויף דער הוילער ערד. אנדערע זאגן וידוי. ערשט מיר הערן ווידער ווילדע שיכורע קולות און ווידער האבן מיר די 2 מערדער פאר זיך. איצטער האט זיך אנגעהויבן א שוידערלעכע אינקוויזיציע. די געמיינסטע, עקלהאפסטע זאכן האבן זיי געטריבן מיט אונז. זיי האבן באפוילן דעם אלטן קצב, יאסעלס פאטער, ער זאל זיך שטעלן און יעדערער פון אונז האט געמוזט צוגיין און רייסן אים די האר פון בארד. ווען ס'איז געקומען מיין ריי, האב איך געמאכט דעם אנשטעל, אז איך רייס שטארק, נאר דעם מערדער איז נישט געפעלן געווען און ער האט מיך ווידער גענומען מיט א רציחה צו שלאגן און האט אליין גענומען רייסן ביי אים די בארד.

דער אלטער איז געשטאנען אומבאוועגלעך און אפילו קיין קרעכץ ניט געגעבן, און דער מערדער איז געשטאנען מיט א פולן הויפן זילבערנע האר. ווען ס'האט זיך געענדיקט מיט דעם, האט ער באפוילן דוד גלאטן, ער זאל אראפציען די הייזן און, במחילה, מיר אלע האבן אים געמוזט קושן, דער באנדיט איז געשטאנען און צוגעקוקט, אז אלץ זאל זיין ראיעל... נאכדעם איז געקומען א סצענע, אז די אלטע לייט האבן געמוזט טאנצן מיט די ווייבער. ווער קען דאל אלץ איבערגעבן, דעם שרעקלעכן בזיון ?

געזעטיקט זייערע ווילדע אינסטינקטן, האבן זיי אונז געלאזט צו רו. א טויטע שטילקייט האט געהערשט אין קאמער. מיר ליגן אזוי ווי קעלבער, קיינער טרויט זיך ניט די שטילקייט איבערצורייסן. מיט א מאל האבן זיך ווידער דערהערט קולות, א קלינגען פון שליסלען. דער זעלבער ארשע איז ווידער אריין און אנגעהויבן צו זוכן, צווישן אונז. ער האט מיך ארויסגעצויגן און געהייסן מיטגיין. פארשטיינערט בין איך געווען, מיך האט שוין איבערהויפט גארנישט געארט, נאר וואס שנעלער זאל קומען א סוף צו די ליידן. ער פירט מיך צו דער הינטערשטער טיר און הייסט מיר וואס שנעלער פארשווינדן און קיינעם ניט דערציילן וואס דא איז פארגעקומען. איך האב זיך אליין ניט געגלויבט, צי איז דאס אמת. גלייך בין איך ניט שפירנדיק מיינע ווייטיקן געלאפן אהיים. אז איך בין געקומען אהיים האב איך קיינעם ניט געטראפן. די טיר איז געווען אפן, איך האב פון דרויסן די טיר צוגעמאכט. אליין בין איך דורכן פענסטער אריין. געלייגט זיך אין בעט און צו מיין צעשלאגענעם קערפער האב איך צוגעלייגט קאלטע קאמפרעסן. א גאנצע נאכט האב איך מיט קיין אויג נישט צוגעמאכט פאר ווייטיק און שרעק. די אויגן מיט בלוט פארלאפן

ליג איך און טראכט איבער די גאנצע איבערלעבעניש, וואס איך האב אדורכ־געמאכט.

✶

אויף מארגן פרי האט מען יאסלען, זיין ווייב און קינד, דודן און אויך דעם שוחט דערשאסן. די מערדער האבן זיך נאך ניט באגנוגנט מיט דעם און זיי האבן געפאדערט אויך דודס ווייב. זיי האבן פאראָרדנט, אז מ׳זאל איר זוכן; מען איז אוועק זוכן איבער דערפער. ניט געפינענדיק גלאטס פרוי האבן זיי גענומען אירע צוויי קינדער.

מיר האבן ווידער שווערע און טרויעריקע צייטן אדורכגעמאכט. מען האט זיך ניט געטרויט אין דער היים צו נעכטיקן. מיין ווייב איז געקומען אין א פאר טעג ארום; זי איז געווען באהאלטן אין פעלד צווישן קארן מיט 2 קליינע קינדער, ניט געגעסן, געווארן פארחלשט פון דורשט. פון רומיזניק האט זי די קינדער געמוזט באזארגן וואסער צום טרינקען; א שוך האט געדינט אנשטאט א טעפעלע.

דינסטיק נאכמיטאג האט דער פעטער געמוזט פירן זיינע צוויי פּלי־מעניקעס צו דער שחיטה — א ייִנגעלע פון 3 יאר און א מיידעלע פון 6 חדשים און אליין געמוזט דערביי זיצן, צוזען און מקבר זיין. דעם ייִנגעלע איז אזוי לייכט ניט אנגעקומען צו שיסן. מען האט געמוזט ווארפן שפּילצייג און ער איז געלאפן כאפן און פון הינטן האט מען אים דערשאסן. דערפאר איז לייכטער געווען מיט דאס פּיצל קינד. אוועקגעלייגט איר אויפן גראז און מיט א קויל אין קעפּעלע דערמארדעט. דאס אלץ האט אויסגעפירט דער מערדער מאזור.

שווערע וואלקנס איבער אונזערע קעפּ

אין א קורצער צייט ארום האט מען ארויסגעפאדערט שלום יאבנאוויטשן, דעם עלטסטן פון יידנראט צום געביטס־קאמיסאר. מיר האבן זיך זייער גע־שראקן. ווער ווייסט מיט וואס ער וועט קומען? ער האט פאר אונז געבראכט טרויעריקע נייעס. דאס בילד וואס ער האט אונז איבערגעגעבן, ווי דאס לעצטע הייפל יידן אין ווילייקע לעבן איז ניט צו שילדערן. נויט, הונגער און דחקות האט געהערשט ביי זיי. אין גאנצן געגנט זעט מען ניט קיין יידן. אלע שטעטלעך, ווו ס׳האט פולסירט אזא שעפעריש יידיש לעבן, זיינען פּאָרוויסט

געווארן. ביי אונז האט דער געביטס־קאמיסאר געפאדערט, אז מיר זאלן געבן געלט — און זייער פיל; עס האט איבערגעשטיגן אלע פריערדיקע קאנטריבוציעס. ביים בעסטן ווילן האבן מיר דאס ניט געקענט שאפן.

צו יענעם טאג זיינען נאך געבליבן יידן אין אייניקע שטעטלעך אין אונזער געגנט ווי: מיאדל, קאבילניק, פאסטאווו, גלובאקי. מיר האבן גוט פארשטאנען, אז איצט איז געקומען אונזער ריי.

די לאגע אין מיאדל האט זיך פארערגערט און די קאבילניקער, וואס האבן דארט געארבעט, האבן צו וויסן געגעבן וועגן דעם אויף פארשידענע אופנים. איינער האט געשריבן צו זיין פרוי, אז ער גייט קלייבן יאגדעס אין וואלד... אן אנדייטונג, אז זי זאל וויסן וואס צו טאן. א צווייטער האט איבער־געגעבן, אז דער ארטיקער בירגערמייסטער האט פארטרויט דעם מיאדלער יידנראט, אז אין דער נאענטסטער צייט קומט די ריי אויף די צוויי שטעטלעך, — מען זאל זיך זען ראטעווען. א דאנק דעם האט זיך טאקע דער גרעסטער טייל מיאדלער יידן געראטעוועט.

טרויעריק איז געווען צו אונז, ווייל מיר האבן ניט געוווסט, וואס צו טאן. שבת דעם 19־טן סעפטעמבער, א טאג פאר יום כפור, זיינען מיר ווידער אויפ־געציטערט געווארן. מיאדלער יידן זיינען זיך צעלאפן אין די וועלדער, אבער די קאבילניקער זיינען געקומען אהיים. מיר זיינען געווען הילפלאז און ניט געוווסט, וואס צו אונטערנעמען. אייניקע זיינען אוועקגעלאפן צו זייערע באקאנטע קריסטן. פאר א גרויסן פרייז האט מען זיך באהאלטן. דער גרעסטער טייל האט געווארט אויפן גורל.

א גאנצע נאכט זיינען מיר געווען וואך, יעדער איז זיך געזעסן אויף זיין פעקעלע פארטרויערט און צעבראכן. מיר האבן געבעטן גאט, אז די נאכט זאל זיך ציען וואס לענגער. די נאכט איז געווען א קילע. די לבנה האט אריינ־געשיינט דורך די פענסטער. ערגעץ ווו האט א פיצל קינד אויפגעוואכט און אויפגעוועקט די האלב דרימלענדע. פון יענער זייט גאס איז געווען העל באלויכטן און ס׳האט זיך פון דארט געטראגן א ווילד, שיכור געלעכטער.

אויף מארגן פרי האט דאס שטעטעלע אויסגעזען אזוי ווי נאך א שלאכט. קיינעם איז ניט צו זען. א טייל מענטשן זיינען אין הויף ביי דער ארבעט. אייניקע פאמיליעס זיינען אנטלאפן. מיין פרוי איז אוועק דערן, וואס ס׳קומט פאר, נאר גלייך האט זי זיך געמוזט אומקערן. זי האט געהערט פון מיינע גוט באקאנטע

קריסטן, אז היינט וועט פארקומען די לעצטע שחיטה פון אונזער שטעטל. מיין ווייב האט מיטגענומען די קינדער און אוועק דערוויל פון שטעטל. און דאך האבן מיר זיי ניט גאנץ געגלויבט. ווער ווייסט, אפשר מאכן זיי אונז נאר שווער דאס הארץ? איך בין אוועק אין הויף. דער עולם האט מיך דערזען האבן זיי פארשטאנען, אז מיט מיין קומען שטימט עפעס ניט. איך האב דערציילט, וואס ס׳דערווארט אונז היינט. דער עולם איז געבליבן פארשטיינערט, נאר גלייכגילטיק.

אינם טאג פון אויסראטונג

א זייגער 10 אינדערפרי איז געפאלן די אנטשיידונג. פון מיאדל איז אנגעקומען ווייסרוסישע פאליציי מיט געסטאפא און ארומגערינגלט דאס שטעטל. דעם יידן־עלטסטן האבן זיי געהייסן גיין פון הויז צו הויז רופן, אז אלע זאלן זיך צענויפזאמלען אין שול, ווייל מען גייט מאכן פאר אונז א געטא. אויך אין הויף איז ער געקומען, געהייסן לייגן די ארבעט און קומען העלפן איבערציען זיך אין געטא. טרויעריק איז, וואס דער עולם האט זיך געלאזט בלינד פירן, געפאלגט דאס באפעל.

איך בין גלייך אוועקגעלאפן אין וואלד אריין און מיט מיר נאך דריי קאבילניקער יידן: פייגע גדליהס, ראשקע שלומה׳ס און פינקע משה׳ס. באלד האבן מיר געהערט א שיסעריי. דאס האט מען נאכגעשאסן נאך די, וואס זיינען אנטלאפן.

איצט שטייט פאר אונז די פראגע: וואס ווייטער? וווהין גייט מען? וואס טוט מען? מיר האבן פרובירט זוכן אן ארט, ווו איבערצונעכטיקן. מיר האבן ארומגעבלאנקעט פון דארף צו דארף, קיינער לאזט אונז ניט אריין. אלע האבן מורא פאר אונז. מיר האבן געמוזט לייגן זיך אויפן מיטן פעלד, ווייל די שייערן זיינען אומעטום געווען פארשלאסן. אזא פאראדנונג האבן געהאט די קריסטן, כדי מיר זאלן זיך ניט קענען אויסבאהאלטן. קאלט איז געווען, קוים וואס מיר האבן אויף א קורצער צייט די אויגן צוגעמאכט, זיינען מיר גלייך ווידער וואך געווארן. איינער פון אונז האט געפעלט. פינקע משהס איז אוועק אליין זוכן פאר זיך אן ארט.

איך בין געבליבן מיט 2 מיידלעך. מיר האבן זיך ארומגעדרייט א גאנצן טאג איבערן דארף סירמעזש. דער סאלטיס האט אונז אויפמערקזאם געמאכט, אז מיר זאלן זיך פארשטעקן, ווייל מען וועט אונז כאפן און דערשיסן.

אויף צומארגנס איז אויך מיין ווייב געקומען מיט די 2 קינדער און נאך א מיידל, ישראל דעם שמידס טאכטער. מיר האבן באשלאסן צו גיין אין סווירער געטא. די פרוי האט מיר דערציילט, וואס ס׳טוט זיך אין שטעטל. מיין שוואגער טוביה האט מען דערשאסן. ער איז גראדע געווען באשעפטיקט אין בעקעריי. ער איז ארויסגעשפרונגען דורכן פענצטער און מען האט אים נאכ־געשאסן. דאס גאנצע שטעטל האט זיך פארזאמלט אויפן מיטן מארק. די פאכמענער מיט די פאמיליעס האט מען געשיקט קיין מיאדל און די איבעריקע אין „דאם ל׳ידאווי״ — צו דער שחיטה. מיין ליבע שוועסטער חיה־שרה מיט איר טאכטער רחלה, א מיידעלע פון 10 יאר, האט זיך אליין צוגעשטעלט. זי איז געווען באהאלטן, נאר ווען זי האט געהערט, אז דעם מאן האט מען דערשאסן, האט זי זיך אין גאנצן פארלוירן און אליין אוועק צו די מערדער: וואס ס׳וועט זיין מיט אלעמען, דאס וועט זיין מיט איר.

ווו נעמט מען כוח?...

ווו נעמט מען דעם כוח אלץ צו שילדערן, ווו קען מען נעמען מוט דערצו?

איך וועל דא איבערגעבן נאר עטלעכע טראגישע עפיזאדן.

ווען ס׳איז פארגעקומען די צעטיילונג, רעכטס און לינקס, דאס הייסט ווער צום לעבן און ווער צום טויט — איז די פארצווייפלונג געווארן גרויס. קיינער וויל ניט אומקומען. איינער, פון באַרוך א גלעזער, יהושע יאנאווסקי, איז געבליבן אלס פאכמאן און ער קען צו זיך נעמען א פרוי און קינדער. ער האט דריי שוועסטער און אַן אלטע מאמע. יעדער וויל לעבן. אלע זיינען ביי אים טייער און ליב. איינע מנוחה איז מיט דריי קליינע קינדערלעך. מיט א פאר טעג צוריק האט מען איר מאן דערשאסן. א צווייטע איז אין אנדערע אומשטענדן. די דריטה וויל אויך לעבן. ער ווייסט ניט וואס צו טאן, די צייט איז קורץ. נישטא קיין צייט פאר יישוב הדעת און אלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צום ברודער. וואס בלייבט אים צו טאָן — משפט אליין.

א צווייטער פאל: אליהו־משה גארדאן, פון פאך א רימער, ער האט עלטערן, ער קען נעמען צו זיך א פרוי מיט קינדער. אלעמענס הענט זיינען צו אים אויסגעשטרעקט נאך הילף; ער מוז קעמפן מיט דער פארצווייפלטער מאסע. אלע ווילן לעבן, בעטן מיט בלוטיקע טרערן, אז ער זאל זיי ראטעווען און ווער ווייסט ווער ס׳וועט זיין צווישן די באשערטע?

א ברודער האט גענומען א שוועסטער פאר א פרוי. א שוואגער א שוועגערין. אבי נאר צו ראטעווען א מענטשן. די גליקלעכע האבן זיך געריכט אין וועג... און די אומגליקלעכע אין „דאם לודאווי". מען האט זיך געזעגנט איינער פון צווייטן, אנגעזאגט, אז אויב ס׳וועט וועמען געלינגען צו בלייבןביים לעבן, זאל מען נקמה נעמען פאר זייער בלוט. געדענקט דעם בלוטיקן יום־כפור, מאנטיק דעם 21־טן סעפטעמבער 1942!

אין סווירער געטא

ווען ס׳איז צוגעפאלן די נאכט, האבן מיר זיך געלאזט אויפן וועג קיין סוויר. א 20 קילאמעטער פון קאבילניק האבן מיר איבערגענעכטיקט ביי א פויער. אויף מארגן אינדערפרי זיינען מיר אנגעקומען אין א הייפל אויף דער ליטווישער טעריטאריע. דא איז איצט געווען שטיל. יידן האבן אומגעשטערט געארבעט אין די הייפלעך און ניט געוווסט פון הונגער און שרעק. מיר האבן זיך עטלעכע שעה אויסגערוט. זיי האבן ביטער געוויינט אויף אונזער בראך און מיר האבן זיך געלאזט ווייטער אין וועג. אין אוונט זיינען מיר אנגעקומען אין הויפל באלקעווע, 3 קילאמעטער פון סוויר. דא האבן מיר אויך געטראפן פיל יידן ביי ארבעט. עס האט זיך זיי ניט שלעכט געלעבט און זיי האבן ניט געדארפט אויסשטיין די שרעק פון געטא. אויף צומארגנס האט אונז א מיידל אוועקגעפירט מיט א זייטיקן וועג אין סווירער געטא.

ביים אנקומען אין סווירער געטא איז מיר באפאלן א טרויער. אט איז נעבן דער אזיערע דער גאנצער יידישער „צענטער" מיט זיין דלות און נויט. קליינע הילצערנע הייזלעך מיט 3 פאמיליעס אין א הויז. אויך פעלט ניט אויס דער מין פון יידישע נוגשים ושוטרים, וואס זיינען געווארן א בלינד ווערקצייג אין די הענט פון אונזערע תלינים. מיט אונזער קומען זיינען די סווירער יידן ניט געווען שטארק צופרידן. זיי האבן מורא געהאט און אונז שטענדיק דערמאנט, אז מיר זאלן זיך אפטראגן פון דאנען. נאך ערגער איז געווארן, ווען די צאל קאבילניקער פליטים איז געשטיגן.

מיר זיינען געווען 4 פערזאן פון מיין פאמיליע, קאגאן, מענדל־לייבס איידעם, שרהקע בענעס מיט 2 קינדער, קיפקע, ליבע מלכה, חיענע קרוקאוו, שמולקע יאנאווסקי מיט דעם שוחטס א יינגל, הערצל, דוד־לייב סווירסקים א קינד, ישראל דער שמיד מיט זיין טאכטער, רייצע שלמה׳ס, מיינע 2 שוועגערינס חנה־חוה, שייע־באשעס.

איך בין יעדן טאג געגאנגען צו דער ארבעט קיין באלקעווע ביי קארטאפל גראבן. דאס זעלבע האבן אויך אנדערע געטאָן. איך האב זיך ווי ס'איז איינ־געארדנט און מען וואלט אפשר געקענט לעבן, נאר מען האט ניט געלאזט.

שבת דעם 10־טן אקטאָבער

ביי דער ארבעט אין באלקעווע האב איך דעם טאג צו מיין איבעראשונג דערזען אלע קאבילניקער, וואס זיינען א הער געקומען, באזארגט און פאר־צווייפלט. איך גלויב, אז דאס איז געווען א צוגעטראכט שפיצל, וויאזוי פטור צו ווערן פון די אומגעוווּנשענע פליטים. איינער וואס האט געארבעט ביי דער ליטווישער פאליציי, האט דערציילט אין יידנראט, אז די פאליציי ווייסט פון אלץ און זי ווארנט די סווירער יידן, אז זיי זאלן ווי אמשנעלסטן פטור ווערן פון די פליטים; אויב נישט וועלן זיי אליין טראגן די פאראנטווארטלעכקייט פאר די פאלגן, וואס קענען קומען פון דעם. פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען דער ריכטיקער ארגומענט, וויאזוי פטור צו ווערן פון די קאבילניקער. מען האט געמוזט פארלאזן סוויר און יעדערער איז אוועק זוכן פאר זיך אן ארט. דער גרעסטער טייל איז אוועק קיין מיכאלישאק. איך בין נאך מיט קיפקען געבליבן אין באלקעווע אייניקע טעג אויף דער ארבעט. נאר דא איז אויך געווארן אנגעשטרענגט די לאגע צוליב א מסירה און מען האט זיך געריכט אויף שווערע פאלגן. אין אוונט האט אונז איינער א יונגערמאן אריבערגעפירט מיט א שיפל אין סווירער געטא.

ווי געטעכטיקט נישט געטאגט...

איך האב אין געטא קיינעם פון אונזערע קאבילניקער ניט געטראפן. אלע זיינען פארשוווּנדן בלויז מיינע 2 קינדער זיינען איבערגעבליבן און חיענע, אן עלטערע פרוי. ווי דער יידנראט האט מיך דערזען האבן זיי מיך ניט אפגעלאזט, געהייסן תיכף ומיד פארלאזן דאס געטא, טראצדעם וואס ס'איז שוין געווען א שטיק אין דער נאכט און דאס גיין וואלט באטייט פאר אונז א זיכערער טויט. וויפל איך האב זיך ניט געבעטן, אז מען זאל אונז איבערלאזן בלויז איבער נאכט און מארגן גאנץ פרי וועלן מיר אוועקגיין, האט קיין זאך ניט געהאלפן. א פאליציאנט האט אונז באגלייט. דערביי איז נאך געווען א ווארשעווער יינגל, וואס איז געווען די גאנצע צייט אין קאבילניק און אויך געמוזט מיט אונז אלץ מיטמאכן. איך ווייס ניט וויאזוי אונז איז געלונגען ארויסצודרייען זיך. מיר האבן זיך ארייננגעכאפט אין א דערבייאיקער שטוב, גלייך ארויף אויפן בוידים און דארט זיינען מיר געבליבן די נאכט.

אויף מארגן האב איך געקראגן א זעג און א האק און מיר זיינען אוועק אין דער דערבייאיקער מיל שטראצע. דארט האבן געארבעט אייניקע סווירער פאמיליעס און מיר האבן זיי געזאגט, אז דער סווירער יידנראט האט אונז דא געשיקט אויף ארבעט... מיר האבן זיך דא איינגעארדנט, אבער אויך ניט אויף לאנג. דא איז געווען חווקע שעיה־יאסעס, זי האט געוווסט וואס פארא „פארברעכער" מיר זיינען און זי האט אלעמען פארטרויט וועגן דעם. אין אוונט האט מען אונז געהייסן, אז מיר זאלן פון דאנען פארשווינדן. מיר זיינען אוועק צו א פויערטע און דארט האבן מיר זיך אויפגעהאלטן, נאר אויך פון דאנען האט מען אונז געהייסן גיין. שלעכט, ס'איז ניטא קיין עצה! איך האב באשלאסן אוועקגיין זוכן „מזל" אין מיכאַלישאָק.

אין מיכאלישקער געטא

מיט זייטיקע וועגן דורך פעלדער, וועלדער, דורך פארוואָרפענע סטעזשקעס האב איך זיך אוועקגעלאזט זוכן פאר מיר א נייע „היים". פארנאכט בין איך אנגעקומען אין אַלכאַווקע, עטלעכע קילאמעטער פון מיכאלישאק. דארטן האבן פיל יידן געארבעט אין דער פאפיר־פאבריק און א דאנק זיי בין איך מיטוואך דעם 15־טן אקטאבער אנגעקומען אין מיכאלישקער געטא.

אין דארטיקן געטא האב איך געטראפן קאגאנען מיט זיין פאמיליע, שרה בעניעס מיט אירע 2 קינדער. שפעטער־צו ווען דער סווירער געטא איז אויפ־געלייזט געווארן, איז געקומען חיענע, דעם שוחטס אן יינגל און הערצל, סווירסקים יינגעלע ווי אויך שמולקע משהס.

איך האב דא ווידער פיל אדורכגעמאכט, אנגעליטן זיך סיי אלס ייד, סיי אלס פליט. די ענגשאפט איז דא געווען א קאטאסטראפאלע. גוט אז ס'איז געווען ווינטער, אז ניט וואלט אויסגעבראכן די גרעסטע מגיפה.

אין מיכאלישקער געטא זיינען געווען אנגעטריבן יידן פון דער געגנט. ס'זיינען געווען פיל פליטים פון ווילנע און פארשידענע ערטער. פאר מיר און מיין פאמיליע האב איך געקראגן א צימערל, וואס דארט זיינען שוין פון פריער געווען דריי פאמיליעס. מען איז געשלאפן אויפן טיש און אונטערן טיש. איך בין געלעגן אויף דער ערד אין א ווינקעלע. דער שמוץ, די ענגשאפט איז געווען זייער גרויס. מיר זיינען פארלייזיקט געווארן און מיר האבן אלע געקראגן קרעץ, עס איז געווען ניט אויסצוהאלטן. אויך דער שלום־בית איז ניט געווען קיין געהויבענער. פאר א שטיקל פלאץ האט מען זיך געריסן.

פאר א טעפל אפצוקאכן האט מען זיך געקריגט. יעדערער איז געווען נערוועאיש און צעבראכן. אויך אין מיכאלישאק האבן מיר ניט געהאט קיין רו. מען האט אונז געטריבן, אז מיר זאלן פארלאזן דאס געטא. איך בין געגאנגען יעדן טאג צו דער ארבעט, אבי נאר מען זאל אונז לאזן צורו. נאך דער ארבעט האב איך געמוזט פארדינען פאר זיך אונזער ברויט. אלעמען אין געטא האב איך באדינט, געגאנגען זעגען האלץ, ראמען קלאזעטן, הייצן דאס באד. מיט ברויט זיינען מיר זאט געווען.

אזוי האט מען געשטופט די צייט. די לאגע האט זיך ביי אונז פארערגערט, ווען דער פראנט האט זיך דערנענטערט. פון אלע הויפן האט מען צוזאמענ־געטריבן די יידן און די ענגשאפט האט זיך פארגרעסערט.

פרייטיק דעם 7־טן נאוועמבער איז דער יידנראט געקומען און געפאדערט פון אונז, אז מיר זאלן פארלאזן מיכאלישאק. „צי דען איז מיכאלישאק דאס איינציקע געטא?" גיי זאג זיי, אז אומעטום וויל מען אונז ניט האבן. מיר האבן זיך קוים מיט טרערן אפגעבעטן נאר א דאנק דעם, וואס די מערדער האבן געקראגן מעכטיקע קלעפ פון די רוסן און דער פראנט האט זיך אלץ מערער דערנענטערט.

*

די שרעקלעכע נייעס, וואס מיר האבן געהערט, וואס ס׳קומט פאר ארום אונז האט צום רעשט פארביטערט דאס לעבן אין מיכאלישאק. מיר האבן געהערט וואס ס׳איז געווארן מיטן גלובאקער געטא און זיינע 12 טויזנט יידן, מיר האבן אויך געהערט פון ביאליסטאק, פון ווארשע. אויך האט ביי אונז ארויסגערופן פיל שרעק דער פאל מיט די אשמענער יידן, 4 הונדערט נפשות האט מען אומגעבראכט אונטער דער אנפירונג פון דער ווילנער יידישער פאליציי מיט גענסן בראש. פארשטייט זיך, אז מען האט געפאדערט קעפ, און זיי האבן געמוזט צושטעלן. גענס האט אויך געזאלט באזוכן מיכאלישקער געטא. פאר דעם טאג האב איך געציטערט. איך בין אוועק צו דער ארבעט, אבי נאר ניט זיין אין דער היים; ווער ווייסט מיט וואס ער איז געקומען?

ער איז געקומען צו בארואיקן די געמיטער. ער האט געהייסן גיין צו דער ארבעט, אויספירן אלץ, וואס די מאכט פאדערט פון אונז, ניט לויפן אין די וועלדער, ניט געבן קיין געלעגנהייט אונזערע שונאים, אז זיי זאלן אונז קענען אומברענגען — אויך ניט קינדלען... מען מוז האבן געדולד, מיכאלישקער געטא איז אנערקענט פון דער מאכט און מען קאָן זיין רואיק, אז קיין זאך וועט דא ניט געשען. נאר קלאר איז געווען פאר יעדן, אז ניט גענס און ניט

אלע פארזארגער קענען אונז העלפן. מען הייסט זיי רעדן, כדי פארבלענדן די אויגן, מען זאל ניט האבן קיין חשק צו ראטעווען זיך.


דער יידנראט מיט דער פאליציי האבן דערווייל געטאן דאס זייעריקע. געטריבן, געיאגט צו דער ארבעט, געמאכט ארדנונג, אויסגעפירט דעם ווילן פון די תלינים. און דא האט מען שוין פאר אונז צוגעגרייט א תליה. אין א קורצער צייט נאך געגס באזוך האט מען ארויסגעפאדערט דעם מיכאלישקער יידנראט קיין ווילנע. דאס געטא איז געווען באזארגט און אומרואיק. מען האט ניט געוווסט, וואס דא ווערט אלץ קעגן אונז פלאנירט. מען האט געציילט די טעג. אויף קיין גוטס האבן מיר זיך ניט געריכט... ,

שבת דעם 27־טן פעברואר האט מען אונז געגעבן צו וויסן, אז ווילנער געטא פאדערט פון אונז 100 מאן צו דער ארבעט און דא האט זיך ווידער אנגעהייבן א פאניק, ווער וויס ווער ס׳וועט ארייגפאלן צווישן די 100 מאן. קיינער האט ניט געוואלט פארן. ס׳האט זיך אנגעהויבן א פראטעקציע, א זוכע־ניש, א שמירעניש. מען האט געשאטן מיט געלט, נאר ניט פארן. די פאניק האט אנגעהאלטן א וואך צייט. דערווייל איז די פאליציי ארוממעגאנגען איבער די הייזער און באשטימט, ווער ס׳זאל פארן. איך און אויך קאגאן זיינען ארייג־געפאלן צווישן די הונדערט. מיר האבן סיי ווי געוווסט, אז דאס כפרה־הינדל וועלן זיין די פליטים, ארעמע לייט און נאך אזעלכע אומגליקלעכע. מיכאלישקער יידן האבן אראפגענומען ד״י האנט פון הארצן און יעדן האט מען געגעבן צו פוד מעל, אדער ארבעס, א פאר וואליקעס און א קורטקע. נאר ווי ס׳מאכט זיך, אזוי איז גוט. ס׳איז פאר אונז געווען א גליק, ווייל דער גורל פון מיכא־לישקער געטא איז שוין פון פריער געווען געחתמעט, ווען געגס איז געווען. אין א קורצער צייט ארום האט מען די מיכאלישקער יידן אין צאל פון פינף טויזנט, געזאלט שיקן אין קאוונער געטא און ביים לעצטן מאמענט האט מען זיי אויפן פאנאר אלעמען אומגעבראכט.

✶

שבת דעם 6־טן מערץ זיינען פון ווילנע אראפגעקומען נאך אונז עטלעכע לאסט־אויטאס מיט אייניקע „טאטניקעס״ (אזא ארגאניזאציע „טאט״) ווי אויך עטלעכע יידישע פאליציסטן. די בהלה איז געווארן גרויס. מען האט געטריבן פון די הייזער, געיאגט און געשלאגן. מען האט זאגאר ניט געלאזט זיך געזעגענען מיט ד״י פאמיליעס; אזא בייזע איילעניש איז דאס געווען.


מיר לאזן זיך אין וועג. פארשידענע געדאנקען קומען ארויף אויפן זינען: ווילנע! איך האב זאגאר וועגן דעם ניט געטרוימט, אן אנדער געטא, אנדערע זארגן, וואס שטייט מיר נאך פאר?



מזוועות הנאצים. פון נאצישע גרוילטאטן.

אינג׳ מאיר סווירסקי
ח י פ ה

מערדער - קינדער מערדער



א שיינער זומערטאג אין קאבילניק, יולי 1942. קיין ייד אין שטעטל איז ניט אין בעשטאנד אויסדריקן און באשרייבן די נא־טור אין דעם געוויינליך שיינעם, אמאל אזוי היימישן ארט. ניט צו דעם איז די קאפ, די געדאנקען, די הארץ... מיר זעען מיט די אויגן נאר דאס, וואס די ביטערע געפילן און — פאר ד׳ער צייט אינגאנצן צובראכענע הארץ, ווייזט אונז: איבער אונזערע קעפ ציען זיך אימהדיקע שווארצע וואלקנס, וואס פארשטעלן אינגאנצן די נאטירליכע ליכ־טיקע זון!

מיט א וואך פריער האט די שטעטל דורכגעמאכט נייע טרויעריקע טעג; אונזערע שטעטלדיקע גויים־פאליציי באנדיטן האבן באוויזן ווי אזוי זיי זיינען פייאיק צו פארניכטן זייערע נעכטיקע שכנים מיט דער פולער אייגענער איני־ציאטיוו, אן דער דייטשער הילף.

נאך טעג פון שרעקלעכן פיין זיינען דערשאסן געווארן: אברהם גאלדזעגער, דער שוחט, יוסף חדש מיט זיין פרוי ביילע און זיין טאכטער חייקה ווי אויך, דוד גלאט. דוד גלאטס ווייב האט באוויזן אין לעצטן מאמענט אנטלויפן פון שטוב; אויך איז עס געלונגען איצקען, יוסםס זון, פארמיידן די שחיטה, ווערנדיק פריצייטיק געווארנט דורך אנדרייקע דעם איין־הענטל, וועלכער איז ספעציעל צו דעם ציל געקומען אינם דארף קופע, ווו יצחק האט געארבעט צוזאמען מיט מיר. ביי דוד גלאטן זיינען איבערגעבליבן צוויי קליינע קינדער, וועלכע האט זיי צוגענומען צו זיך זיין שוואגער קייעווסקי.

נעכטן האבן מיר געבראכט צו קבר ישראל אונזערע קדושים. צום אלטן בית עלמין איז יעצט פאראן א צוגאב פון צוויי שורות קברים — דאס איז דער נייער בית עלמין, די קברים פון אונזערע פריערדיקע קדושים. אין פארזעצונג פון די שורות

האבן מיר מקבר געווען די לעצטע קרבנות, דער לעצטער אין ריי איז יעצט געלעגן דוד גלאט.

די פרשה, וועלכע האט איר נאמען באקומען: יאסל דעם קצבס און דוד הירשע־מענדלס פרשה (דער שוחט איז אומגעקומען „אויסערן ריי״...), האט מיט דעם נאך ניט געפונען איר ענדע. די היגע בארבארן זיינען ניט געווען גענוג זאט, זיי האבן געזוכט נאך בלוט; דער גורל איז געפאלן אויף דוד גלאטס קינדער...

אין דעם אויבן־דערמאנטן טאג, פרי פארנאכט, האט זיך באוויזן אויף פאסטאווער גאס — די גאס וואס פירט צום בית עלמין און אויף וועלכער מיר ווינען — אברהם קייעווסקי; ער האלט אין איין האנט זיין האלב יעריקע פלימיעניצע, מיט דער צווייטער פירט ער איר דריי יעריקן ברודער. עס פירט זיי דער באוווסטער מערדער מאזור.

מיר זעען דאס דורכן פענצטער, עס שטארבן ביי אונז ממש אפ די גלידער, עס פארכאפט אונז דער אטעם, עס גלויבט זיך ניט, אז די אויגן זעען דעם גרויליכן בילד: מען פירט די קינדער צו דער עקדה...

דער יינגעלע, וועלכער האט פארן לעצטן יאר ניט געוווסט פון א שפיל אין גאס, און איז זיכער נאך, אין זיין קורצן לעבן, דא קיינמאל ניט געווען — מאכט זיין לעצטן וועג זייענדיק איבערגליקליך. די גאנצע צייט שפרינגט ער אונטער אויפן ברוק, אן אויפהער, מיט פרייד רעד׳ט ער צום פעטער, שאקלענדיק מיט זיין געלע קעפעלע געקרייזלטע האר; סוף סוף מאכט ער דעם ריכטיקן שפאציר און מוז ניט זיין מער פארשפארט אין שטוב, אדער ביי זיך אויפן הויף... די שווערע קלעפ פון דעם מערדערס שטיוול אן ברוק, פארהילעכן דעם קינדס שטימע, און מיר זעען, מיט בלוטיקע אויגן, נאר זיינע באוועגונגען און זיין זיסן שמייכעלע...

מיר זיינען געווען עדות פון מערערע פאלן, וואס מען האט געפירט פארביי אונזער שטוב שיסן יידן אויפן בית עלמין. שטענדיק איז דאס געווען פארטאג; עס פלעגן גיין א אסך מערדער מיט די ביקסן אין די הענט גרייט צום שיסן; צום ערשטן מאל ווערן יעצט געפירט קינדער פיצלעך... דער מערדער מאזור איז דאסמאל אליין, דעם ביקס האלט ער אפן פלייצע, ער האט קיין מורא ניט, אז די קינדער וועלן פון אים אנטלויפן. ער גייט לאנגזאם, אלע

זאלן זען זיין גבורה; ער גייט אויספירן מיט גרויס צופרידנהייט דעם שרעקליכן אורטייל.

אט האבן זיי געמיטן אונזער שטוב, א קליינע ווילע זעען מיר קלאר קייעווסקעס געזיכט, ער איז אינגאנצן שווארץ... דער יינגעלע זעצט פאר זיין שפיל־שפאציר; נאר הונדערט מעטער צוטיילן זיי פון בית עלמין...

דערווייל איז אין שטוב א טרויעריקער יום כפור; מען האפט שוין מער ניט אף קיין ניסים; קיינער פון אונז איז ניט בכח צו העלפן; מען איז אויך ניט בכח דאס איבערצוטראגן...

דאס דארף צוזען מיין מאמע מיטן טאטן, וועלכע האבן 6 קליינע קינדער — איך, דער עלטסטער, איז 14 יאר, מיין קלינער ברודער זונדעלע האט ערשט געענדיקט זיין ערשטן לעבנסיאר... אויך אונזער גורל איז געחתמעט — דאס איז יעצט קלארער ווי שטענדיק. די מאמע דריקט זונדעלן צום הארצן. זי האפט, אז דער זכות פון מיין עלטער זיידן זונדלען — דעם גרויסן צדיק — וועט ביישטיין איר קליין קינד. דער פאטער גייט אוועק אין א צווייטן צימער, בכדי מיר זאלן ניט זען זיין שטימונג. אויך שכנים זיינען ביי אונז. קיינער קען ניט קוקן דעם אנדערן אין די אויגן. עס הערשט א טויטע שטילקייט. יעדערן באדעקט א קאלטער שווייס דריקנדיק זיין זיצארט. די עלטערע האלטן אין איין רייכערן קארטאפל־בלעטער; עס הייגט א שווארצער רויך אין שטוב...

די שטילקייט רירט אן דער ערשטער שאס, וועלכער פאלט אויף אונז ווי א דונער; די הארץ ווערט אט צוריסן. גלייך קומט דער צווייטער שאס און דער דריטער... און ווידער א טויטע שטילקייט, באגלייט מיט טיפע זיפצן פון מענטשן, וואס האבן מייסטן פארלארן, פריער דעם האפענונג, און יעצט דעם לוסט צום לעבן... אלע בלייבן זיצן אונבארירבאר ווייטער.

פאר אלעמען איז קלאר, אז דער דריטער שאס האט אומגעבראכט קייעווסקען.

די נאכט איז שנעל צוגעפאלן. קיין לעבעדיקער מענטש אויפן גאס. דאס לעבן, אפילו אז עס איז אזוי טרויעריק, פאדערט זיינע — מענטשן הויבן אן קומען אביסל צוזיך, מען הויבט אן הערן אווארט. דער ערשטער געדאנק — ברענגען צו קבורה די קרבנות, בכדי זיי זאלן ניט בלייבן אויף נאכט טרף פאר הינט. ווי קען מען זיך אבער וואגן ארויסגיין פון שטוב, ווען די כוליגאנעס פייערן שיכורערהייט זייער „נצחון" און זוכן אן צווייפל נאך בלוט אנצוזעטיקן זיך?

צוזאמען מיט מיין שוועסטערקינד, הערצקע גארדאן, גייען מיר ארויס שטילערהייט אויפן הויף, מיר נעמען לאפאטעס, און לאזן זיך גיין דורך די גארטנס ביז צום טייך. מיר גייען דורך אונטערן בריק, און בלייבן אונבא־מערקבאר דורך א מערדער פון די פאליציי, וואס שטייט איבער אונז אויפן בריק. מיר גייען ליינגאויס דעם טייך, און גייען ארויף אויפן בית עלמין.

די ליכטיקע לבנה דעקט שנעל אויף פאר אונז דעם שרעקלעכן „בילד: דער יינגעלע ליגט אויפן זייט, זיינע הענטעלעך אויסגעשטרעקט, וועלנדיק כאפן די צוגענומענע פון אים לופט... זיין שמייכעלע, איז אזוי געבליבן אויף זיין פנימל פארשטיינערט, די אויגעלעך אפן; דאכט זיך, ער רוט זיך אפ נאך זיין שפיל־שפאציר. די געלע מארך, וואס ליגט אויסגעגאסן לעבן זיין גע־קרייזלטע קעפעלע, לאזט ניט איבער קיין צווייפל — דער יינגעלע איז טויט...

זיין שוועסטערל ליגט לעבן אים, געבוי ווי אמאל אין וויגעלע. א בלוטיקער סימן אויף אירע ווינדעלעך באווייזט, ווו דעם רוצחס קויל האט איר געטראפן. אונזערע הערצער שרייען אויס: מערדער — קינדערמערדער!!

קייעווסקען געפינען מיר ניט; ער קומט־צו צו אונז פלוצלונג אין מיטן גראבן דעם קבר; דער מערדער האט מיטן דריטן שאס געפייערט זיין זיג איבער די קינדער.

צוזאמען מיט דוד גלאט ליגן יעצט צוויי טייערע עופעלעך, הנאהבים והנעימים בחייהם, ובמותם לא נפרדו.


תבוא כל־רעתם לפניך, ועולל
למו כאשר עוללת לי...

(איכה)

חיה־לובע סווינטעלסקי (טשערנאצקי)
ברוקלין

אינם טאג פון דער שחיטה

געפאר הײנגט איבער די קעפ...



יום־כפור 1942, אינדערפרי. מײנע דרײ ברידער, די מאמע און איך געפינען זיך אין דערהײם. מיר באװעגן זיך װי שטומע שאטנס אויף די װענט; קײנער פון אונז טרויט זיך ניט צו עפענען דאס מויל און איבעררײסן די טויטע שטילקײט, װעלכע לײגט זיך שװער װי א שטײן אויפן הארצן. אפילו די מאמע, װעלכע איז זײער פרום, דערמאנט ניט, אז הײנט איז יום־כיפור און רעדט ניט װעגן פאסטן און װעגן גײען דאװענען אין שול.

אפשר דערפאר, װײל ס'זעט אויס װי א נארישקײט צו בעטן אויף א גוט יאר, װען יעדער טאג איז װי א געשײנקטער און װי געפונען פון דאסנײ. װײל זינט די דײטשן האבן אקופירט קאבילניק, איז אונזער לעבן געװארן הפקר און איז געהאנגען אויף א האר. אין קעגנזאץ צו דער מײנונג, אז אין יום־כיפור װערט דעצידירט און אונטערגעשריבן „מי יחיה ומי ימות" — האבן מיר שוין געהאט גאר אן אנדערע דערפארונג... די דאזיקע דעציזיע קאן אנעמען יעדער נאצישער פארברעכער, װען נאר ער װיל און װען זײן הארץ גלוסט.

נאר הײנט, מער װי שטענדיק, האבן מיר געפילט די געפאר, װעלכע טראגט זיך איבער אונזערע קעפ. די לופט איז געװען װי עלעקטרעזירט, װיסנדיק דאס יעדע מינוט קען װאס גרויזאמעס געשען; דאס װעט קענען באשטימען אונזער גורל אויף אײביק. פונם שטעטעלע מיאדל האבן מיר דערװארט בלוטיקע געסט — די דײטשישע ס.ס. לײט. מיר האבן געװוסט, דאס פון זײ װעלן מיר קײן גוטע בשורות ניט דערהאלטן. און אזוי איז דאס טאקע געװען.

טייוולאנישער באפעל

טראץ אלעמען בין איך, ווי יעדן אנדערן טאג, געגאנגען צו דער ארבעט. געווען איז דאס אין פריצישן הויף פון קאבילניק — א מהלך פון א פאר קילאמעטער פונם שטעטל. דארטן האבן מיר געארבעט ביי טריקענען טאבאק. כ׳געדיינק נאך אזוי ווי היינט: די מאמע האט מיך שטארק אנגעקוקט פארן אוועקגייען פון שטוב; זי האט מיך באגלייט א שטיקל וועג און שטארק מיך געבעטן, אז כ׳זאל זען וואס שנעלער אהיימקומען נאך דער ארבעט, ווייל זי וועט זיין זייער אומרואיק וועגן מיר. כ׳האב געפילט, אז היינט איז זי אנדערש ווי שטענדיק — איר הארץ האט איר געזאגט, אז מיר וועלן שוין אויף אייביק זיך צעשיידן און מער זיך שוין נישט זען... מיט לאנגזאמע טריט האט זי זיך צוריקגעקערט אהיים און איך בין געשטאנען א ווײלע און איר נאכגעקוקט ווי זי גייט אוועק...

עטוואס שפעטער, ווי איך בין געקומען צו דער ארבעט, האב איך זיך דערוווּסט, דאס די דייטשן האבן ארויסגעגעבן א באפעל — אלע יידן זאלן גלייך פארלאזן די ארבעט אין הויף און צוריקגייען אין שטעטל אריין, יעדער צו זיין הויז, ווייל זיי ווילן אויפשטעלן א באזונדערן געטא פאר די יידן; יעדער דארף, דאריבער, זיין אויפן פלאץ. ווען כ׳האב דאס דערהערט, האט עס מיך געגעבן א שטאך אין הארצן: כ׳האב פארשטאנען, אז די דייטשן נארן אונז יעצט ווידער אפ, ווי פריער.

✶

כ׳האב לאנג ניט געטראכט און גלייך אנטלאפן זיך באהאלטן צווישן קוסטן, נאנט ב״י דעם הויף. דערווייל האב איך באמערקט ווי אסך יידן, וועלכע האבן געארבעט אין מאגאזין פון תבואה אין הויף, גייען שוין צוריק אין שטעטל אריין לויטן באפעל פון די דייטשן. כ׳בין זיי געלאפן אנטקעגן און אין גרויסן טומעל האב איך א כאפ געטאן ביי דער האנט מיין קוזין אריה־לייב נאראצקי און האב זיך געבעטן ביי אים, אז מיר זאלן צוזאמען אנטלויפן. נאר ער האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר. ר׳האט געגעבן א שאקל מיטן קאפ — און געגאנגען ווייטער.

און איך בין געבליבן אליין; כ׳האב ניט געוווּסט וואס צו טאן. צום סוף האב איך באשלאסן צו גייען אהיים און זעען וואס טוט זיך מיט דער משפחה. כ׳האב אראפגעריסן פון זיך די געלע לאטע, מ׳זאל מיך נישט דערקענען

אלס יידין, און אנגעהויבן לויפן אהיים. לויפנדיק האב איך באמערקט ווי דייטשן און אַרטיקע פאליציאנטן רינגלען ארום א שייער אין מיטן פעלד און זוכן דארט, ווארשיינלעך, יידן; כ׳בין כמעט אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט. כ׳האב זיך שנעל אריענטירט און גענומען צוריקלויפן, נאר איינער פון די קאבילניקער פאליציי — קאלא יאנינעס האט ער געהייסן — האט מיך באמערקט און אנגעהויבן נאכיאגן מיך.

אן אטעם בין איך קוים דערלאפן צום פאלאץ מיט א געשריי, אז מ׳גייט מיך שיסן. צום גליק האט מיך געטראפן די פרוי פונם הויף פארוואלטער, וועלכע האט מיך געקענט פון פריער — און האט מיך שנעל אריינגענומען און באהאלטן אין איר שלאפצימער. דער באנדיט איז געקומען צולויפן מיט גרויס רציחה, האט שטארק ארומגעזוכט און מיך נישט געטראפן.

שפעטער אביסל האט די קריסטן, א צעשראקענע פונם געשעעניש, מיך ארויסגעפירט פונם צימער און געהייסן שנעל ארויפקריכן אויפן בוידעם. א מידע און א צוקלעמטע האב איך זיך אריינגעווארפן אין א קופע טאבאק בלעטער, וועלכע זיינען דארט געווען. פלוצלינג האב איך באמערקט, אז אין א צווייט ווינקל ליגט עמעצער באהאלטן; דאס איז געווען רייזעלע נאראצקי פון קאבילניק. זי האט מיר דערציילט, אז איר שוועסטער און נאך מיידלעך פון שטעטל זיינען געווען צוזאמען מיט איר, נאר קיינער האט זיך ניט געוואלט באהאלטן און אנטלויפן ווי זי.

אין קלעם פון טויט

שפעט ביינאכט איז צו אונז ארויפגעקומען אויפן בוידעם דער גערטנער פון הויף און זיינער א חבר — זיי האבן געוווּסט, אז מיר געפינען זיך דארט — און דערציילט אונז די טרויעריקע ידיעה, אז מ׳האלט אלעמען פארשפארט אין פאלקס־הויז („דאם לודאווי״), נעבן קלויסטער, און מארגן פרי גייט מען אלעמען שיסן, אויסער עטלעכע, וועלכע וועלן איבערגעשיקט ווערן אין מיאדל אויף ארבעט.

הערנדיק דאס האט רייזעלע פארבראכן די הענט און שטארק געוויינט. איך האב געבעטן דעם גערטנער, ער זאל גייען אין שטעטל און זען, וואס ס׳איז געשען מיט מיין משפחה. ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער מיר געברייגגט א טרויעריקן ענטפער: אין שטוב איז קיינער נישט פארבליבן; די שכנים האבן אלץ צערויבט. טירן און פענצטער אכן... אפילו די מעבל האט מען

שוין צעשלעפט. די באנדיטן האבן געכאפט מיינע צוויי ברידער יענקעלע און דוד־לייזערקע און, צוזאמען מיט דער מאמען, אוועקגעפירט זיי צו דער שחיטה. דער איינציקער, וואס האט זיך געראטעוועט איז געווען מיין עלטערער ברודער פייוול, וועלכער איז געלעגן באהאלטן ביי א שכן אנטקעגן אויפן בוידעם און האט אלץ צוגעזען...

✶

א לאנגע צייט האבן מיר געוואנדערט פון ארט צו ארט אין די גרעסטע סכנות. ווו געגעכטיקט נישט געטאגט. אויפן וועג קיין מיאדל און צוריק אין ריכטונג פון סוויר און אין מיכאלישקער געטא. די ווייטערדיקע איבערלעבונגען פון נויט און געפאר האב איך דורכגעמאכט צוזאמען מיט מיין פעטער חנא דימענטשטיין, וועלכער האט זיך ניט איינמאל מפקיר געווען צו ראטעווען מיר דאס לעבן. מיט אים בין איך אויך געווען אין ווילנער געטא, אבער אומעטום האט אונז געדראט א גרויסע געפאר ביז מיר זיינען אנגעקומען צוריק אין די וועלדער, ווו ס'זיינען געווען רוסישע פארטיזאנער. דארט האבן מיר דערלעבט די באפרייאונג.

ה א ז י נ ו

האזינו, שירה עולה ומתפעמת,
באהבה ואמונה בקעה במלוא־עולם ותחי —
שמעו, שמעו בת־קול: היא אדירה, חופשית גם מרוממת,
ישיר במקהלת־עמים היהודי, זה הנצחי.

(יצחק כצנלסון; מתוך
ספר מלחמות הגיטאות).

מאיר חדש
תל־אביב

ווי אזוי האבן מיר פארברענט קאבילניק?

אין די רייען פון די פארטיזאנער



פרילינג 1943, עטלעכע מאנאטן נאך דער לעצטער ליקווידאציע פון קאבילניק. קיין איין ייד געפינט זיך ניט מער אין שטעטל; אלעמען האט מען אומגעבראכט און ס׳איז קיין זכר פון זיי ניט פארבליבן. די עטלעכע, וועלכע האבן זיך געראטעוועט, זיינען זיך צעלאפן ווו נאר די אויגן האבן געטראגן. אלע שטרעבן זיך צו ראטעווען און דערלעבן די באפרייונג.

איך, אזוי ווי אנדערע, האב פיל אדורכגעמאכט דורך דער צייט, זיך געוואלגערט פון איין פלאץ אין צווייטן — ביז כ׳בין אנגעקומען אין ווילנער געטא; אויך דארטן בין איך לאנג ניט פארבליבן. איך מיט נאך צוויי חברים פון קאבילניק, חיים־אשר גילמאן און הערצל גארדאן, צוזאמען מיט נאך צוויי חברים פון סוויר, זיינען מיר אנגעקומען אין די וועלדער פון זאנאראטש, אין געגנט פון קאבילניק. דארטן האבן מיר געטראפן רוסישע פארטיזאנער, און זיי האבן מסכים געווען ארייננעמען אונז אין זייערע רייען אלס קעמפער. אזוי־ארום האב איך גאנץ שנעל אנטיילגענומען אין קאמפן, וועלכע די פארטיזאנער האבן אויסגעפירט קעגן די דייטשן: אין פארשיידענע דיווערסיע אקציעס, ווי אויפרייסן בריקן און באן ליניעס און אנדערע איבערפאלן, וועלכע מיר האבן געמאכט אויפן שונא.

פארניכטן קאבילניק אלס מיליטערישע באזע

איינמאל, זייענדיק אזוי אויף אפרו אין דער פארטיזאנער באזע נאך א געלונגענער אקציע, וועלכע מיר האבן אויסגעפירט קעגן די דייטשן, האט מיך פלוצלינג גערופן צו זיך אין שטאב דער קאמאנדיר זשוקאוו. דאס ערשטע האט ער מיך געפרעגט, אויב ס׳איז מיר באקאנט קאבילניק און אירע וועגן. פארשטענדלעך, אז כ׳האב געענטפערט יא; כ׳בין געבוירן אין קאבילניק און מיר איז באקאנט גענוי יעדעס שטעגל. דאן האט ער מיר געזאגט, דאס אונזער אויפגאבע איז צו פארברענען קאבילניק און אויפרייסן די גאנצע מיליטערישע

באזע, וואס געפינט זיך דארט און נוצט דעם שונא. ער האט נאך צוגעגעבן אז דאס מוז ווערן אויסגעפירט גלייך און זייער פינקטלעך.

א צערודערטער האב איך פארלאזט דעם שטאב און אומגעדולדיק האב איך זיך גענומען גרייטן צו דער אקציע. איך האב קיינעם נישט געקענט דערציילן, ווי ווייט די ידיעה האט מיך איבעראשט און מיין בלוט האט אין מיר געקאכט. איך האב געוואלט וואס שנעלער קומען אין שטעטל, כדי זיך נוקם־צו־זיין אין אונזערע בלוטיקע שכנים, וועלכע האבן אלעמען אומגעבראכט און צערויבט דאס אייגנס. בין איך׳ טאקע געווען פון די ערשטע און מיט שמארצנ־דיקע הענט א כאפ געטאן מיין ביקס און האנטגראנאטן, שנעל פארפאקט מיין רוקזאק און זיך צוגעשטעלט אויספירן מיין פליכט. און אזוי, צוזאמען מיט נאך פארטיזאנער, האבן מיר זיך גלאזט אין וועג אריין.

אויפן וועג צו קאבילניק

צוליב קאנספיראטיווע צוועקן איז די גאנצע אקציע געהאלטן געווארן בסוד; אפילו די פארטיזאנער, וועלכע זיינען געגאנגען מיט מיר, האבן ניט געוווּסט, וואס זייער אויפגאבע איז געווען ביז זיי זיינען ניט צוגעקומען נאנט צום שטעטל. מיך האבן זיי צוגעטיילט צו דער אנפירונג, וועלכע איז געווען פאראנטווארטלעך פאר דער אקציע. נאכדעם, ווי כ׳האב זיי אויפגעקלערט די אלע וועגן ארום קאבילניק, האבן זיי באשלאסן, דאס מיר וועלן אנקומען דורך סירמעזש אויף מיאדלער וועג.

אין דרויסן איז נאך געווען ליכטיק ווען מיר זיינען אנגעקומען אין האטאוויץ, ניט ווייט פון מיאדל. דארטן האבן מיר עטוואס אפגערוט און גלייכ־צייטיק האבן מיר מאביליזירט אין ד׳ארף פערד און וואגנס, און אין אוונט האבן מיר זיך אלע געלאזט א גאנצער אבאז דירעקט נאך קאבילניק. די פערד האבן זיך לאנגזאם געשלעפט און אין קאפ האבן זיך געדרייט פארשיידענע געדאנקען און זכרונות פון פארגאנגענער צייט. נאנט פון שאסיי האט אין שיין פון דער לבנה געבליאסקעט ווי א שפיגל דער נאראטש, און די פראכט פון די נאטור האט דערוועקט אין מיר פארשיידענע עפיזאדן, אין וועלכע כ׳האב זיך יעצט דערמאנט. ס׳זיינען מיר געקומען אין געדאנק די הונדערטער יידן, סוחרים, בעלי־מלאכות און יוגנט, וועלכע זיינען געפארן פאר דער מלחמה טאג־איין טאג־אויס, אויפן זעלבן שאסיי קיין קאבילניק — און היינט איז ניט פארבליבן פון זיי קיינער; איך בין דער איינציקער עדות, וועלכער ווייסט דעם טרויעריקן אמת.

מיר זיינען אנגעקומען אין דארף קופע, דריי קילאמעטער פון קאבילניק. דער אבאז, וואס האט זיך געשלעפט מיט אונז, איז געבליבן שטיין; נאר איך מיט נאך צוויי ראזוויעדטשיקעס זיינען אוועק אויספארשן וואס מ׳הערט אין דעם שטעטל. לאנגזאם האבן מיר געריטן דורך זייטיקע וועגלעך ביז מיר זיינען אנגעקומען אין דער לעסניעטשוווקע, בערך איין קילאמעטער פון שטעטל. מיר האבן אנגעקלאפט אין א פענצטער און א באקאנטער גוי האט געעפנט די טיר. געוועזן איז דאס דער פריערדיקער אגראנאם לוואוו און זיין זון, מיט וועלכן כ׳האב געלערנט צוזאמען אין דער שולע. מיר האבן זיי אויסגעפרעגט, וואס ס׳טוט זיך אין קאבילניק און גלייכצייטיק געווארנט, אז אין פאל ווען זיי וועלן איבערגעבן פאלשע ידיעות, וועלן זיי באצאלן מיטן קאפ. דערוייל האבן זיי דערציילט, אז בייטאג זיינען אין קאבילניק, אויפן מארק, געווען דייטשן צוזאמען מיט ווייסרוסישע פאליציי.

פארשטענדלעך, מיר האבן זיך מיט די דאזיקע פאר ידיעות נישט באגנוגנט און מיר האבן באשלאסן אליין זיך צושארן אין שטעטל אריין און דערוויסן זיך, וואס דארט קומט פאר.

אין דורשט נאך נקמה

ניט טראכטנדיק לאנג האב איך איבערגעלאזט מיין פערד מיט די חברים, געכאפט דאס געוועהר אין האנט און זיך געלאזט גיין אין שטעטל. א טויטע שטילקייט האט געהערשט ארום. נאר דאס בילן פון די הינט האט מען געהערט אין דער נאנט און דאס קוואקען פון די זשאבעס אין דער בלאטע. ס׳ערשטע בין איך אנגעקומען צו קלעמאנטאוויטשעס הויז אויף מיאדלער גאס. דער גוי האט מיך גלייך דערקענט און זיך זייער דערשראקן פאר מיר. זיי האבן מיר דערציילט די זעלבע נייעס וועגן די דייטשן, נאר מיטן צוגאב, דאס פארנאכט זיינען די דייטשן אוועק אויף פאסטאווער וועג; ס׳איז אויך מעגלעך, דאס א טייל דייטשן פון דער לופטוואפע געפינען זיך ביי דובאווסקין אין הויז.

צופרידן פון די ידיעות, וועלכע כ׳האב דערהאלטן, לויף איך צוריק צו מיינע חברים און פון דארטן שנעל צום אבאז. נאך א קורצע באראטונג האבן מיר געמאכט א גענויען פלאן ווי אזוי אנצוגרייפן דאס שטעטל. פאראויס האט זיך געלאזט א גרופע רייטערס אויף פערד און מיר זיינען אנגעקומען אין מיטן מארק. איך קוק זיך ארום פון דאס ניי און מיר איז שווער צו גלויבן ווו איך געפין זיך. איך זע אלע יידישע הייזער ארום אין דעם מארק, נאר אן

יידן. איך כאפ זיך באלד, אז יעצט איז נישט קיין צייט פאר סענטימענטן ווען די אקציע מוז אויסגעפירט ווערן פינקטלעך און שנעל.

פון מארק האבן מיר זיך צעשפרייט רונד־ארום די שטעטל אין עטלעכע פונקטן, ווו מיר האבן זיך געגרייט צו אנקומען פון די דייטשן; מיר האבן אנגענומען אלע נויטיקע פארזיכטס־מיטלען. א גרעסערע גרופע פון אונז האט זיך געלאזט שנעל צו דער באן סטאציע פון שטעטל, ווי אויך צו דובאווסקיס הויז, ווו לויט אונזער רעכנונג, געפינען זיך דארט דייטשן.

אינם מאמענט ווען מיר האבן דערהערט דעם אויפרייס פון דער באן־סטאציע, האבן מיר זיך געלאזט אונטערצינדן דאס שטעטל. ס'ערשטע זיינען מיר געלאפן צו וואנצקאוויטשעס הויז, ווו מיר האבן גערעכנט אים צו כאפן. ער איז געווען דער בירגערמייסטער פון שטעטל און אויך דער איניציאטאר פון אומברענגען די יידן. נאר ליידער איז ער שוין געווען אנטלאפן. מיר האבן אונטערגעצונדן זיין הויז און געלאפן צינדן אנדערע. דאס פייער האט ארומ־גענומען דאס שטעטל פון אלע זייטן. די גויים זיינען ארומגעלאפן ווי פארסמטע מייז און האבן געוואלט ראטעווען זייער אייגנס, נאר דאס פייער איז שטארקער געווען פון זיי. דערצו האבן מיר געעפנט א שיסעריי אויף די, וועלכע האבן געפרוווט צו אנטלויפן, און דאס האט נאך פארגרעסערט די פאניקע ביי די גויים.

אנטקעגן די גרויסע פלאמען האט מיין הארץ געפרייט זיך און געהאט נקמה אָן די גויים פארן פארגאסענעם יידישן בלוט. די אויסגעשאסענע ראקעטע האט באצייכנט דאס די פארטיזאנער מוזן זיך צוריקציען צוריק אין די וועלדער און איך האב באגלייט מיט מיין בליק קאבילניק, שטארק ארומגעהילט אין פלאמען און איך האב ניט געהאט קיין קלענסטע מיטלייד אויף אונזערע שכנים און זייערע ליידן.

ג ב י י ת ע ד ו ת

יוסף בלינדער
חיפה

מיר האבן איבערגעלעבט אין וואלד



נאכן דערמארדן די לעצטע קאבילניקער יידן יום־כיפור 1942; נאכדעם ווי מיר, די ארויסגענומענע יידן, אלס נוצלעכע צוליב אונזערע פאכן, האבן באגראבן אונזערע מתים — זיינען מיר אוועקגעשיקט געווארן, בערך א 30 מאן (צווישן זיי אויך עטלעכע משפחות) אין מיאדלער געטא; מיר זיינען דארט גע־ווען אונטער דער אויפזיכט פון די ס.ס. זשאנדאמעריע מיטן שעף קאיל בראש. ער פלעגט מיט אונז יעדן טאג מאכן אן אפעל און אונז שטארק פייניקן. אין א פאר וואכן שפעטער האט מען פון מיאדל אוועקגעשיקט א העלפט יידן קיין אלט־ווילייקע צום גע־ביטס קאמיסאריאט; מ׳האט זיי דארט באלד אומגעבראכט.

אין מיאדלער געטא זיינען מיר פארבליבן 70 פערזאן פון 4 ארומיקע שטעטלעך. אין חודש סעפטעמבער האבן מיר באקומען ידיעות פון אונזערע חברים אין וואלד, אז זיי גרייטן־צו אן אנפאל אויף דער זשאנדאמעריע, כדי אונז צו באפרייען פון געטא, אין וועלכן מיר זיינען געווען פארשפארט.

די פארטיזאנער גרופע, וועלכע האט זיך געפונען אין יענעם געגנט, האט געהייסן „נאראדני מעשטשיטשעל". פון אונזער זייט זיינען געשטאנען מיט זיי אין קאנטאקט שלום יאוונאוויטש פון קאבילניק און דער צאן־טעכניקער קוסעוויצקי פון אשמענע. דער אנפאל איז אויסגעפירט געווארן אויף די דייטשן

דעם 5 נאוועמבער 1942. דער רעזולטאט איז געווען: 2 דייטשן, 3 פוילישע און 2 ליטווישע זשאנדארמען זיינען דערהרגט געווארן.

די פארטיזאנער האבן אונטערגעצונדען דעם געטא און מיר אלע, מיט די קליינע קינדערלעך, זיינען אנטלאפן אין וואלד. לויפנדיק איז איין פרוי פארוואונדעט געווארן; מיר האבן איר מיטגענומען מיט אונז. פארבליבן אין מיאדל איז רייצע, שלמה יאוונאוויטשעס פרוי, וועלכע איז געווען זייער שוואך און האט ניט געקענט אנטלויפן צוזאמען מיט אונז.

✡

נאקעט און הייל ווי מיר זיינען געשטאנען זיינען מיר אריין אין וואלד. מיטן דאזיקן מאמענט הויבט זיך אן א נייע קאפיטל פון אונזער שווערן וואלד לעבן. ס'איז נויטיק צו באמערקן, דאס יעדער פון די אנטלאפענע פאמיליעס זיינען געווען אויסשליסלעך אויסגעשטעלט נאר אויף אייגענער איניציאטיוו און אייגענע כוחות.

איך בין געווען הילפלאז און אָן מיטלען צום לעבן. טאג און נאכט זיינען מיר געלעגן אונטערן פרייען הימל, געשלאפן אין דרויסןביים פייער, ווערענדיק ווינטער פארווייעט פון שניי, און מיט א שוואכע פרוי און 2 קליינע קינדערלעך. מיר האבן זיך געפונען אין א לאגע פון הונגער און טויט. דער הונגער האט אזוי געפייניקט, דאס מיר האבן זיך געמוזטווארפן אויף דאס גרעסטע געפאר צו קריגן עסן. ביי דער נאכט פלעג איך ארומוויקלען מיינע פיס מיט שמאטעס, זיך געזעגענען מיט מיין פרוי און קינדערלעך און פלעג זיך לאזן אין דארף זוכן עסן. אנקלאפן אין פענצטער ביי די גויים און געבעטן מיט רחמנות, זיי זאלן מיר געבן א שטיקל ברויט. נאר טיילמאל, פאר אזא שפאציר, האבן אנדערע באצאלט מיטן לעבן.

אין אזעלכע טרויעריקע באדינגונגען האבן מיר זיך געפונען ביז דעם 2טן פעברואר 1943, ווען די דייטשן האבן פלוצלינג געמאכט א בלאקאדע און אנגע־פאלן אויף די פארטיזאנער אין וואלד. אין דעם פאל זיינען אומגעקומען זייער א סך יידן, וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטן אין וואלד. זיי זיינען געפאלן ווי די פליגן, ווייל זיי האבן ניט געהאט קיין געווער מיט וואס צו קעמפן. איך און מיין פאמיליע זיינען אנטלאפן טיף אין וואלד ווו די דייטשן האבן אונז ניט געפונען. אין עטלעכע טעג שפעטער ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אויף די אלטע פלעצער, פארפרוירענע, הונגעריקע און בארוועסע האבן מיר

געפונען אונזערעביידלעך פארברענט. נישט קוקענדיק אויף דאס גרויסע געפאר, וואס דער וואלד איז געווען פאר אונז, זיינען מיר בלית־ברירה פארבליבן ביז פסח 1943.

אין יענער צייט איז מיר קראנק געווארן מיין פרוי און די קינדער אויף טיפוס. איך האב זיך געמוזט לאזן זוכן עסן טראץ יעדער געפאר, וואס האט מיר געדראט. איינמאל צוריקקומענדיק פון ארומזוכן ברויט האב איך געטראפן מיין פרוי מיט א פארברענטע פוס, וואס צוליב שוואכקייט איז זי אריינגעפאלן אין שייטער פון פייער, וואס האט דארט געברענט, און די קינדער האבן איר קוים ארויסגעראטעוועט; פון דעם ליידט זי וויטאקן ביז היינט צו טאג.

איך דערמאן זיך ווי אזוי איך בין אמאל געגאנגען צוריק פון דארף און אויפן וועג בין איך איינגעשלאפן, ווייל איך בין געווען זייער מיד. איז געקומען צולויפן מיין קליין טעכטערל מיט א געשריי: „טאטע מען שיסט!" זי האט מיך אויפגעוועקט. איך בין שנעל געלאפן, געכאפט מיין קראנקע פרוי אויף דער פלייצע און געלאזט זיך לויפן ווו די אויגן האבן מיר געטראגן. די קליינע קינדער זיינען מיר נאכגעלאפן ביז מיר זיינען אריינגעקראכן אין א זומפ ביז איבער די קני און געווארט, דאס די שיסעריי זאל איבערגיין. ביי דעם צושטאנד האבן מיר זיך ניט געקענט רירן פון פלאץ און געבן ווייטער א טראט. מיר זיינען געלעגן אין בלאטע פארבאהאלטן און געציטערט דאס די מערדער זאלן אונז ניט כאפן. ס'איז געשען פשוט א נס, דאס די פארפאלגער האבן אונז ניט באמערקט און אזוי ארום האבן מיר זיך געראטעוועט פון טויט.

ווען די שיסעריי איז פארגעקומען זיינען אלע מיינע חברים, וועלכע זיינען געווען צוזאמען מיט אונז, זיך צעלאפן, נאר איך מיט מיין פאמיליע זיינען געצוווּנגען געווען צו בלייבן אויפן פלאץ, ווייל די פרוי איז מיר געווען קראנק.

ווען ס'איז געווארן שטיל, זיינען מיר ארויסגעקראכן פון דער בלאטע און געגאנגען צוריק צו יענעם וועלדל, ווו מיר זיינען פריער געווען. קומענדיק דארטן איז אונז פינצטער געווארן אין די אויגן — ארום און ארום זיינען געלעגן טויטע יידישע קערפערס, וואס א טייל פון זיי האב איך דארטן געבראכט צו קבורה. אין דעם וועלדל זיינען מיר געווען נאך א פאר וואכן ביז דעם 25.8.1943. אין דעם טאג האבן די דייטשישע באנדיטן ווידער געמאכט א גרויסע בלאקאדע אויף די וועלדער, די יידן און די פארטיזאנער. די בלאקאדע האט געדויערט טאג און נאכט במשך פון 2 וואכן. מען האט אונז פארפאלגט

ערגער ווי די חיות. און מיר האבן דעם נאז ניט געקענט ארויסשטעקן צו קריגן עפעס עסן; דערנערט האבן מיר זיך נאר מיט רויע שוועמלעך און גראז, וואס מיר האבן געפונען אין וואלד און אין דער בלאטע. מיר האבן שוין איבערהויפט ניט געהאט קיין אויסזען פון קיין מענטשן; נאר ווי שאטנס האבן מיר זיך ארומגעדרייט, וואס יעדער ווינטל האט אונז געקענט אומווארפן.

דערווייל האט זיך דערנענטערט דער ווינטער פון 1943־44 און אונזער לאגע איז געווען אומדערטרעגלעך. מיר האבן געגראבן היילן (זיעמלאנקעס) אונטער דער ערד, כדי איבערצולעבן דעם שווערן ווינטער, וועלכער האט זיך אנגערוקט. אין וואלד זיינען פון מאל צו מאל צוגעקומען נייע מענטשן, אנטלאפענע פון דייטשישע קוילן און אונזער גרופע איז אזוי געוואקסן ביז 160 מאן; מיר זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף ליידן הונגער און פיין. דאס האט אנגעדויערט ביז דעם מאנאט מאי.

טראץ אלע שוועריקייטן האט זיך שוין אין דער לופטן געטראגן די האפענונג, אז די טעג פון שונא זיינען געציילטע צוליב די גרויסע מפלות, וועלכע זיי האבן באקומען דורך דער רויטער ארמיי; מיט דער האפענונג האבן מיר דערלעבט דעם טאג פון דער באפרייאונג.

פליטים ביער

זה היער מפלט לרבים, הוא לגזע, ללאום לא שואל,
המבקש כאן ימצא מחסה, מחמת מרדפיו יינצל.
והיו משפחות מאושרות שהקדימו לנוס עוד־מועד,
עם האות הראשון לשואה, צרור כל טוב בידם, ולצאת
אל היער הרחק. כאן מצאו מעין לרגלי ענקים
של אלות מצילות הדורות, סוכות בענפים משיקים
על עיגול־מערה, בשיחי גרגרים מתוקים מבורך.

אנדה פינקרפלד־עמיר; מתוך
ספר מלחמות הגיטאות).

הערצל גארדאן
גבעתיים

אין קאמף מיטן שונא



יום כיפור 1942. א גרופע יידן האבן מיר געארבעט אין קאבילניקער באד, וועלכע די דייטשן האבן פארוואנדלט אין א פיש קאנסערוון פאבריק. געווען איז דאס אין מיטן טאג, ווען מיר האבן פלוצלונג דערזען ווי פאליציי רינגלט ארום די באד און מיר האבן פארשטאנען אז זיי זוכן יידן. זיי האבן דאן געכאפט 12 מאן און אוועקגעפירט מיט זיך. צווישן זיי: יעקב־פייוול גאלדזעגער, יוסף בלינדער, אלטער ווײנער, יצחק שניידעראוויטש און אנדערע.

איך און אפרים קראוטשינסקי, ווען מיר האבן דאס באמערקט, זיינען מיר ארויפגעקראכן אויפן דאך און זיך באהאלטן אין א גרויסע פּאַס, וואס איז דארטן געשטאנען. די גויים, וועלכע האבן זיך פארזאמלט און צוגעקוקט צו דער סצענע, האבן געשוויגן און ניט געמסרט אונז, נאר א ווייסרוסישער פאליציאנט, וועלכער האט אונז באמערקט, האט געשריען דאס מיר זאלן אראפגיין פון דאך; ווען ניט וועט ער גלייך שיסן אויף אונז. מיר זיינען אראפ און ער האט באפוילן, דאס מיר זאלן מיטגיין מיט אים. גייענדיק אזוי אויפן וועג האב איך אים פארגעלייגט מיין זייגער, וועלכן איך האב געטראגן, כדי ער זאל מיך פריילאזן, דער פאליציאנט האט גענומען דעם זייגער, לאנגזאם אים אנגעטאן אויף זיין האנט און אזוי ווי גארניט, האט ער אונז ווייטער באפוילן צו גיין פאראויס... אויב נישט, שיסט ער גלייך! כ'האב שנעל א כאפ געטאן זיין ביקס און מיר האבן זיך גענומען ראנגלען ביז מיר זיינען ביידע געפאלן אויף דער ערד; אין געראנגל איז מיר געלונגען ארויסצורייסן דאס ביקס פון אים. נאר אזוי ווי איך האב ניט געקענט זיך באנוצן מיט קיין געווען, האב איך דאס ביקס אריבערגעווארפן איבער א צוים פון שטעכלדראט און איך האב אנגעהויבן צו אנטלויפן. דער פאליציאנט האט דערווייל געכאפט צוריק דאס ביקס, וועלכעס איך האב אוועקגעווארפן און האט אנגעהויבן

נאכצושיסן; צו מיין גליק האט ער ניט געטראפן און איך בין פארשווונדן פון זיינע אויגן.

איך בין געלאפן שנעל אין דער ריכטונג צו דעם פארם פון פוקסן, וועלכע איז געווען ניט ווייט פון שטעטל וויסנדיק, אז דארטן ארבעטן יידן און מען וועט זיי באלד קומען און אייך אוועקנעמען. אויפן וועג האב איך אנגעטראפן הירשל דימענטשטיין און יצחק טשערנאצקי, וועלכע זיינען גע־גאנגען אין שטעטל. איך האב זיי געווארנט, דאס זיי זאלן אין קאבילניק ניט גיין, ווייל מען כאפט דארט די יידן. אנקומענדיק אין פארם איז שוין געווען פול מיט פאליציי, אבער טראץ דעם איז מיר געלונגען איבערגעבן די ידיעה די יידן, וועלכע האבן דארטן געארבעט. און טאקע א דאנק דעם — איך מיט נאך עטלעכע יידן האבן מיר געהאט מזל און מיר האבן זיך ארויסגעכאפט אין וואלד. דארטן האבן מיר באשלאסן — אזוי ווי מיר גייען אין ארבעטס קליידער, וועט ניט זיין אזוי פארדעכטיק אנצוקומען אין שטעטל און זיך דערוויסן, וואס דארטן קומט פאר. אנקומענדיק אין אוונט אין שטעטל האבן מיר שוין קיין איין יידן ניט געטראפן אין די הייזער. איך בין אריין צו מיר אין שטוב און געזען דעם חורבן, ווי אלץ איז צעבראכן, צעווארפן און איבער־געקערט. ביי א גוי האבן מיר זיך דערוווסט, אז אלע יידן זיינען פארשפארט אין „דאם לודאָווי". ניט האבענדיק קיין ברירה זיינען מיר צוריקגעגאנגען אין וואלד.

צו מארגנס אין דער פרי האבן די רוצחים אויסגעמארדעט אלע קאביל־ניקער יידן, וועלכע זיי האבן פארכאפט מיט א טאג פריער. מיר האבן געהערט פון דערווייטנס דאס שיסעריי און אין גאנצן זיינען מיר געווען ווייט נאר א האלב קילאמעטער פון דעם ארט, ווו דאס גרויסער אומגליק איז געשען.

נאך א צוויי טעג ארומשלעפן זיך אין וואלד זיינען מיר אוועק קיין סוויר, נאר דארטן האט אונז איבערגענומען א נייע גזירה: די דייטשן האבן באפוילן, אויב ס'וועט ווער קומען פון קאבילניק, זאל מען אים גלייך איבערגעבן אין דער פאליציי. פארשטענדלעך, מורא האבענדיק פאר דער גזירה האט אונז קיינער ניט אריינגעלאזט צו זיך אין שטוב און מיר האבן ווייטער געוואנדערט און אוועק אין דארף קאנסטאנטינאווא. צו אונזער גליק האבן מיר געטראפן א יידן פון יאנישעק און ער האט אונז איינגעארדנט צו דער ארבעט אין דארף גראמבעניץ.

דער ייד האט געהייסן אייזיקאוויטש און ער איז געווען דער אויפזעער אויף דער ארבעט און דאנק אים האבן מיר זיך דארטן געפונען 2 מאנאטן ביז

מיר האבן זיך דערוווסט, דאס מען גרייט זיך אונז צו כאפן און אומברייינגען. פון דארטן זיינען מיר אוועק אין מיכאלישאק, און געגוי דעם זעלבן טאג, ווען מיר זיינען דארטן אנגעקומען האט אונז די געסטאפא געכאפט און אוועקגעפירט אין ווילנער געטא.

*

אין ווילנער געטא האט מען אונז אריינגעפירט אין א ארבעטס לאגער, ווו ס׳זיינען געווען נאר יונגע חברה. מיר האבן זיך געפונען אין א לאקאל, ווו ס׳איז פריער געווען די העברעאישע גימנאזיע אין ווילנע. אין דעם ארבעטס לאגער האב איך געטראפן מאיר חדש פון קאבילניק, וועלכער איז שוין דארטן געווען א לייגגערע צייט.

נאך עטלעכע מאנאטן פון זיך פלאגן אין דעם לאגער האבן מיר ענדלעך באשלאסן דאס מער אין געטא וועלן מיר ניט פארבלייבן און מיר האבן זיך געגרייט אוועקגיין אין די וועלדער פון קאבילניק און דארטן זיך אנשליסן אלס קעמפער אין די רייען פון די פארטיזאנער.

ווי אזוי מיר האבן אדורכגעמאכט דעם וועג פון ווילנע ביז זאנאראטש איז א באזונדערע באשרייבונג, וואס מיין חבר מאיר חדש דערציילט אויספירלעך וועגן דעם אינם בוך.

*

די ערשטע באגעגעניש מיט דעם וואלד און פארטיזאנער האט אונז קיין גרויס פרייד ניט פארשאפן. אבער נאך א קורצער צייט איז אונז דאך געלונגען אנצושליסן זיך צו די פארטיזאנער אלס קעמפער. מיך האט מען צוגעטיילט צו א דיווערסאנטן גרופע. אונזער אויפגאבע איז געווען צו אויפרייסן באן־ליניעס, ווו דאס דייטשישע מיליטער איז געפארן און געפירט אמוניציע צום פראנט. איך געדיינק ווי דאס ערשטע מאל בין איך געגאנגען אויספירן אזא שטיקל ארבעט — האט מיר געציטערט הענט און פיס, איך האב אוועקגעלייגט די מינע, שנעל אנגעצונדן דעם קנויט און איך בין אנטלאפן גיך ווי ווייט מעגלעך איך האב געקענט. נאך דעם ווי איך האב דערהערט דעם אויפרייס, האב איך זיך ארומגעזען, דאס איך בין געבליבן אליין אָן מיינע חברים, וועלכע זיינען זיך צולאפן אין אלע זייטן. איך בין אנגעקומען אין א נאנטן דארף און געצוווּנגען א גוי מיט דער ביקס אין האנט, דאס ער זאל מיר אוועקפירן צום זאמלפונקט, ווו די פארטיזאנער האבן זיך געפונען. ער האט קיין ברירה

ניט געהאט — און אזוי בין איך אנגעקומען צו מיין גרופע פארטיזאנער אין וואלד.

שפּעטער האב איך זיך צוגעווינט צו די אקציעס און ס'איז מיר ניט אנגעקומען שווער צו באטייליקן זיך אין פארשיידענע אנגריפן קעגן שונא..

ניט זייענדיק צופרידן פון דעם קאמאנדיר, ווו איך האב זיך געפונען, ווייל ער איז געווען א גרויסער שונא ישראל און ער האט מיר געפרווט עטלעכע מאל אונטערשטעלן פיסלעך, האב איך געזוכט א וועג, ווי אזוי זיך איבערקלייבן צו א צווייטע גרופע פארטיזאנער, ביז מיר איז געלונגען אנצושליסן זיך אן דער גרופע פון מאיאר פודולני. איך בין צוגעטיילט געווארן צו א אויסשפיר אפּ־טיילונג און באקומען א פערד צו מיין דיספאזיציע.

צו יענער צייט האבן מיר זיך געמוזט היטן ניט נאר פאר די דייטשן, נאר אויך פון די פוילישע פארטיזאנער, וועלכע האבן זיך ארגאניזירט אונטערן נאמען א. ק. „ארמיא־קראיאווא". א סך פון זיי זיינען געווען די, וועלכע האבן מיטגעארבעט מיט די דייטשן אין אנפאנג פון קריג, נאר שפּעטער האבן זיי זיך ארומגעזען, דאס די דייטשן וועלן פארשפּילן דעם קריג — האבן זיי געשאפן אליין אן ארמיי פון פוילישע פאטריאטן, וועלכע האבן געקעמפט קעגן די דייטשן אבער אויך גלייכצייטיק קעגן די יידן, ווייל א סך פון זיי האבן געהאט אויף זייער געוויסן הונדערטער יידן, וועלכע זיי האבן געהאלפן אומברייגגען אין שטעטלעך און זיי זיינען געווען פאראינטערעסירט דאס קיין עדות פון יידן זאלן ניט פארבלייבן.

איינמאל פארענדיק אויפן וועג קיין קאבילניק האבן מיר באגעגנט אזא גרופע פון א. ק. מיליטער, וועלכע האבן זיך ארייננגעלאזט אין א שמועס מיט אונז און געפרעגט אויב עס געפינען זיך ניט צווישן אונז קיין יידן. ווען מיר האבן זיי געענטפערט, אז ניט, האבן מיר זיך צושיידט אָן א קאמף און יעדער איז אוועקגעריטן אין אן אנדער ריכטונג.

*

א דאנק די מפּלות, וועלכע די דייטשן האבן געליטן אויפן פראנט אין 1943 איז אונז אויך, אלס פארטיזאנער, געלונגען אויסברייטערן די זאנע, ווו די פארטיזאנער האבן געהערשט. מיר זיינען ניט איינמאל ארויסגעפארן זוכן

דייטשען זייער ווייט פון אונזער זאמלפונקט און וועגן איין פאל וויל איך דערציילן עטלעכע איינצעלהייטן פון אונזער קאמף.

אין א געוויסן טאג איז צו אונז דערגאנגען די ידיעה, אז אין געגנט פון סוועניציאן געפינען זיך א סך דייטשן, וועלכע זיינען איינגעגראבן אין בעטאן בונקערס און דאס דינט זיי אלס באזע פון פאכמענער, וועלכע ארבעטן ביי טעלעפאנען. אזוי ווי איך בין געווען צוגעטיילט צו דער אויסשפיר גרופע האב איך זיך געלאזט אין וועג אריין' מיט נאך עטלעכע חברים פארטיזאנער און במשך א פאר טעג זיינען מיר צוגעקומען נאנט צו דער באזע און מיר האבן אלעס באטראכט און ארומגעזען. גלייכצייטיק האבן מיר פארצייכנט די אלע וועגן וואס פירן אהין און אויך די אריינגאנגען אין די בונקערס; דאס אלץ האבן מיר צוריק צו וויסן געגעבן אונזער שטאב.

אין עטלעכע טעג שפעטער איז געמאכט געווארן א גענויער פלאן און מיר זיינען ארויס אנגרייפן די באזע פון די דייטשן. געווען זיינען מיר ביי א 300 מאן מיט דעם מאיאר טשערקאסאוו בראש. ער אליין האט געפירט די אקציע און ער האט אונז צוטיילט אין דריי גרופן. איין גרופע האט ער אוועק־געשטעלט אנטקעגן דעם אריינגאנג אין דער באזע, די איבעריקע צוויי האבן פארנומען פאסטנס פון הינטער דער באזע און זיינען געלעגן פארבאהאלטן. די ערשטע גרופע, וועלכע איז געווען אנטקעגן דעם אריינגאנג האט געעפנט א פייער פון ביקסן און די דייטשן האבן זיי גלייך פארשאטן מיט קוילן פון מאשין געווער. די פארטיזאנער האבן גלייך אנגעפאנגען צו אנטלויפן אויסרעכענענדיק, דאס די דייטשן וועלן ארויסגיין פון די בונקערס און וועלן זיי נאכיאגן — און דאן וועלן די אנדערע 2 גרופן באפאלן פון הונטן. און אזוי איז טאקע געווען. אין מאמענט ווען די גרעסטע טייל דייטשן זיינען ארויס פון די בונקערס און נאכ־געלאפן די פארטיזאנער, איז געקומען דער באפעל צו די אנדערע צוויי גרופן אנצוגרייפן די בונקערס. א דאנק דעם טריק זיינען אין די בונקערס ניט פאר־בליבן קיין סך דייטשן און מיר האבן זיי באשאטן מיט א פייער. דעם ווידער־שטאנד פון די פארבליבענע דייטשן האבן מיר איינגעשטילט מיט האנטגראנאטן, וועלכע מיר האבן געווארפן. כ׳געדענק ווי כ׳בין אריבערגעשפרונגען דעם צוים פון שטעכלדראט און געלאפן צו א בנין, ווו איך האב געזען דייטשן, וועלכע האבן אויף אונז געווארפן האנט גראנאטן. טראץ דעם איז אונז געלונגען אריינכאפן זיך אין בנין און מיר האבן די דייטשן אוועקגעלייט און אויסגעריי̆ניקט אלע שטאקן. אין איין צימער האבן מיר געפונען צוויי לעבעדיקע דייטשן, וועלכע האבן אויפגעהויבן די הענט און האבן געציטערט ווי די הינט און זיך געבעטן

מען זאָל זיי ניט שיסן. ווען איך האָב זיי דערזען פּנים אין פּנים האָט מיין בלוט געקאָכט ווי ביי א מערדער און איך בין שוין געווען גרייט אויספירן איבער זיי מיין אורטייל, נאָר מיינער א חבר, א רוס פון קאַווקאַז, א גוטער פריינט, האָט מיר אויסגעכאַפּט די מציאה: ער האָט ביידן דערשטאָכן מיט א מעסער, וועלכן ער האָט געהאַט ביי זיך און זיי ארויסגעשמיסן דורך דעם פענצטער.

די אַלע איבעריקע דייטשן, וועלכע זיינען געווען אויסער דעם בונקער, האָבן זיך צעשפּרייט און צעלאָפן ווי די מייז, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן פון זיי דעם גרעסטן טייל דערשאָסן.

דער פאַל, וועלכן איך האָב דאָ געשילדערט, איז געווען אן איינצעלנער פון א סך אנדערע אַקציעס, וועלכע מיר האָבן דורכגעפירט, זייענדיק אין וואַלד, ביז מיר האָבן דערלעבט די באַפרייאונג דורך דער רויטער ארמיי.


נ ד ר

דבר לא לשכוח — עד דור עשירי
עד שוך עלבוני, עד כולם, עד כולהם
עדי יכולו כל שבטי מוסרי. — —
קונם אם לריק יעבור ליל הזעם,
קונם אם לבוקר אחזור לסורי
ומאום לא אלמד גם הפעם.

(א. שלונסקי)

צבי דימענטשטיין
ח י פ ה

דערלעבט די באפרייאונג



אין שחיטה־טאג, יום כיפור 1942, האב איך געארבעט אין קאבילניקער הויף. נאכ־דעם, ווי כ׳בין געוואר געווארן פון הערצקע גארדאן, וועלכער איז אנטלאפן פון א פאַ־ליציאנט, וואס האט אים נאכגעיאגט, אז אין שטעטל כאפט מען יידן — האב איך זיך באהאלטן ביים פארוואלטער פון הויף דעם גאנצן נאכמיטאג און אוונט. דער פאר־וואלטער האט מיר שפעטער געבריינגט א בורקע אנצוטאן, ווי אויך א שטיקל ברויט מיט אביסל טאבאק און האט מיר געהאלפן — טראץ דעם, וואס אין הויף האבן זיך געפונען פאליציי — אדורכצוגנבענען דעם טויער און אנטלויפן אין וואלד אריין.

✶

כ׳בין ארויס און אוועק אין ריכטונג פון וואלד. כ׳בין אנגעקומען צו א באקאנטן קריסט, א פישער מיטן נאמען באריס, נעבן דערפל נאנאס, ביי א 10 קילאמעטער פון קאבילניק. 2 מעת־לעת בין איך געלעגן אין וואלד, נישט ווייט פון זיין שטיבל און דער גוי פלעגט מיר בריינגען פון צייט־צו־צייט עפעס עסן. ביינאכט פלעג איך ארייַנקריכן אין באריסעס בעדל און איבערנעכטיקן. כ׳פלעג אנצינדן אביסל קין, כ׳זאל קענען זעען די ליכטיקע שיין.

פון באריסן בין איך אוועק אין ריכטונג פון די סטאכאווצי הייזלעך און ווידער אריין צו א באקאנטן גוי, וועלכער האט מיר געראטן, אז כ׳זאל זיך באהאלטן אין זאמד בערגלעך ביי די נאראטשער בלאטעס, וועלכע ד״ רוסן האבן נאך אנגעשאטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאר די הארמאטן. דארטן, האט ער געזאגט, וועט קיינער נישט קומען זוכן. כ׳האב אלץ אויסגעהערט, אבער כ׳האב געהאפט, פונדעסטוועגן, אנצוקומען קיין מיאדל, וווהין די דייטשן האבן

אווענגעשיקט די לעצטע קאבילניקער פאכלייט; כ׳האב געהאפט זיך צוטשעפן צו זיי און ארבעטן ווי־ס׳איז צוזאמען.

און געקענט האב איך א קריסט אין סקאק, וועלכער האט געארבעט אין די סטאוון פון די קארפן. בין איך צו אים אוועק, און נאכדעם ווי כ׳האב זיך געבן אים אויפגעהאלטן אפאר טעג, און אים געבעטן, ער זאל אונטערפארן קיין מיאדל און רעדן דארט מיט שלום יאוונאוויטשן פון קאבילניק, וועלכער האט זיך דארט געפונען — אפשר וועט ער מיך קענען צושרייבן צו די פארבליבענע יידן. די תשובה איז געווען: נישט נאר אין מיאדל, נאר אין גאנצן ראיאן טאר איך זיך ניט געפינען...

בין נאך אפגעווען נאך אפאר טעג און בדלית ברירה צוריק געגאנגען אין סטאכאוועי. און ווידער אנגעקלאפט ביינאכט ביי א באקאנטן קריסט. ווען דער גוי האט מיך דערזעען האט ער זיך גענומען צלמען... זעט אויס, אז כ׳האב אויסגעזעען ווי א שד... דער גוי האט אויפגעוועקט די ווייב און אן עלטערן זון — ר׳האט געהאט א סך שקצים — אויפגעקאכט 2 קעסלען וואסער, ארייגעבריינגט אין שטוב אריין א גרויסע באליע און געהייסן מיך זיך ארומוואשן... דער זון האט מיך אויך אפגעשוירן דעם גאנצן קאפ און בארד... צוגענומען ביי מיר די גאנצע שמוציקע וועש און זי ארויסגעווארפן און געגעבן מיר אנדערע...

אפגעגעסן, אפגעטרונקען — זאגט צו מיר דער גוי: יעצט גיי באהאלט זיך ווו דו ווילסט, נאר דערצייל מיר ניט ווו דו ביסט. ווייל, אויב דייטשן וועלן קומען און זיי וועלן מיך שלאגן — וועל איך דאך מוזן דערציילן ווו דו ביסט; אויב, אבער, כ׳וועל עס נישט וויסן, וועל איך דאך נישט קענען דערציילן... און נאך: יעצט איז יעסיען־צייט, די גריבער זיינען נאך אפן — נעם צונויף עסן וויפל דו קאנסט. שפעטער, ווען די פויערים פארמאכן די גריבער, וועלן זיי דיר קיין עסן נישט געבן.

אוועק פון אים און געזוכט אין די פעלדער. צו מיין גליק האב איך עפעס געפונען אין א קארן פעלד אן אלטן דייטשישן שוץ־גרוב, נאך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער גרוב איז געווען צעמענטירט .שטייען האט מען נישט געקענט, נאר ס׳איז געווען נישט שלעכט צום זיצן און ליגן. בין איך ווידער אוועק צו א נאנטן און באקאנטן קריסט און געבעטן אים ער זאל מיר געבן פון צייט־צו־צייט עפעס עסן. דער קריסט האט מסכים געווען און נאר געבעטן, אז צו א געוויסן גוי זאל איך נישט גייען קיינמאל, באשר ער מיינט אז יענעמס זון איז א דייטשישער שפיאן און ער האט פאר אים מורא..

פלעג איך טאקע יעדע וואך, שבת־צו־נאכטס, קומען צום אים און ער פלעגט מיר שוין איבערלאזן אין זיין בעדל א קריגעלע מילך מיט א שטיקל ברויט, א קין מיט שוועבעלעך און א פאר ריינע וועש. כ׳פלעג זיך דארט ארומוואשן, אנטאן ריינע וועש און איבערלאזן די שמוציקע, אפעסן און אוועקגייען. דאס האט אפגעהאלטן דעם גאנצן ווינטער.

*

איינמאל, אין מיטן א וואך, האב איך אוועקגעשארט פון אינעווייניק דעם שניי, וועלכער האט פארדעקט דעם קאפ, האב איך דערזעען ווי די דערפער ארום ברענען... כ׳האב שנעל צוריק פארמאכט מיין גרוב און געלעגן עטלעכע טעג. אפאר טאג שפעטער בין איך דאך ארויס פונם גרוב און צוגעלאפן צו מיין באקאנטן גוי און געפרעגט וואס איז געשען. דערזעענדיק מיך האט זיך דער גוי געצלמט און דערציילט, אז ס׳זיינען געווען גרויסע באוועגונגען פון דייטשן און פארטיזאנער. אלס שטראף האבן דייטשן אונטערגעצינדען דערפער ארום. ער איז געווען זיכער, אז די דייטשן האבן מיך אנטדעקט און דערהרגעט, ווייל ז׳האבן געזוכט אין אלע פעלדער. האט ער טאקע געשיקט זיינע זין אויפצוזוכן מיין טויטן קערפער און מיך באגראבן... זיי האבן מיך געזוכט און נישט געפינען.

ערב פסח, ווען דער שניי איז צעגאנגען, האב איך פארלאזט דעם גרוב און אוועק אויף אן אנדער פלאץ.

*

מיט א ייד פון קאבילניק, פרידמאנען, מיט וועלכן כ׳האב זיך צופעליק געטראפן, זיינען מיר דערגאנגען איינמאל ביז קאבילניק און געמאכט א באזוך ביים באקאנטן יידנפריינד טונקעוויטש, און דארט געטראפן אסך קאבילניקער יידן, צווישן זיי אויך מיין ברודער חנא. איך האב, אבער, דארט ניט געוואלט בלייבן. איך האב יעצט, אין זומער, געצויגן אין וואלד אריין.

מיר זיינען דאן א גרופע אוועק אין וואלד. איך, אלס פאכמאן, האב זיך יעצט צובאהעפט צו די פארטיזאנער אין די נאראטשער וועלדער און דארט איבערגעלעבט ביז דער באפרייאונג.

אפרים קרבצ׳ינסקי
פתח־תקווה

מחבוא בדיר חזירים ועופות



מחבוא בדיר חזירים ועופות

בסוף 1942, בשעת השחיטה הגדולה בקובילניק, התגוררתי אצל קרובי משפחתי — פרידמן. הם בנו מקלט בחשאי אצל גוי בעיירה, אך לא סיפרו לי על כך. ראיתי, שהם ביחסים טובים עם השכן הפולני יאן וואלאי. שאלתיו פעם: „אם יבואו לתפוס אותי „לאן אפשר להימלט?" — ענה לי: „תלך ביחד עם קרובי משפחתך".

וכשהתחילה השחיטה הגדולה והחלו לצוד אנשים בעיירה, רצתי יחד עם משפחת פרידמן ולא נפרדתי מהם. הם נכנסו לאותו גוי, ובמחסן מתחת לרצפה היינו במחבוא. אבל לשבת שם לא יכולנו, בגלל התיקרה הנמוכה ורק שכבנו. האיכר הביא לנו אוכל, רק בשעה שהיה מביא אוכל לעופות ולכבשים.

שם ישבנו בערך חודשיים — אוקטובר ונובמבר. לאחר זמן הרגשתי את עצמי שם כאילו מיותר ומכביד על קרובי. היות וכסף היה לי — סכום גדול, שקבלתי מיצחק יבנוביץ, אותו הוציא מבגדי סבתי, שעה שהעבירו את גופתה, עם גופות אחרות, לקבר ישראל — פניתי לכן לאיכר, בעת שהביא לנו אוכל, ביקשתיו שימצא בשבילי מקום מחבוא אחר. תמורת כסף הוא העביר אותי לדיר של כבשים וחזירים באותה חצר. מתחת לעצים חפר בור ועליו שם לול של תרנגולות, ושם שכבתי, בלי לנוע. את האוויר שאבתי דרך חור ביסוד הרפת בקוטר של מסמר... פעם הרגשתי עצמי לא בטוב והרשיתי לעצמי לפתוח פתח בבור, שעד כה היה אטום לגמרי. באותו זמן נכנס לדיר אביו של האיכר, איש זקן, שעד כה כלל לא ידע על קיומי. הוא הבחין בדיר הכבשים צואת אדם, שהייתי מוציא מן המחבוא. הוא התחיל לחפש בכל הפינות, כי היה משוכנע שמישהו נמצא פה, ואמנם מצא אותי, כאשר התחבאתי בפינה לשאוב

אוויר. ואז, מרוב פחד, נפל בהתעלפות! בראותי את הדבר נפלתי גם אני על הארץ מרוב חולשה. האיכר שהופיע אחר־כך, הרים את אביו והרגיעו וסיפר לו את כל האמת המרה עלי.

✡

אחרי כמה כישלונות חיפש בשבילי האיכר מחבוא אחר, בטוח יותר. בינתיים הגיעו הפרטיזנים לקובילניק ושרפוה. האש הגיעה עד הבור ממש, בו שכבתי. נמלטתי אז, כל עוד רוחי בי והגעתי לגוי אחר ששמו טונקביץ. אצלו מצאתי יהודים אחדים, ביניהם חנן דימנטשטיין ואחרים. הם העבירוני אל היער ושם ביליתי עד שעת השיחרור.

מ ע י ר ה מ ו ו ת

זעם מאוד, זעף החורף
ובתוגת בין החומות
הקשיבו ילדים קשי־עורף
לאגדות קדומות.
הן שיחתם יום־יום אחרת:
מתי יקוץ הקץ, מתי?
איך תא־החנק, שדה ההרג?
ואל נקם — עודנו חי? — —

(הרמן אדלר; מתוך ספר
מלחמות הגיטאות).

מאיר חדש
תל־אביב

הצטרפנו לפרטיזנים

בשנת 1943 ריכזו הנאצים את כל היהודים, שנשארו בסביבה — ממיכלישק, מסביר, מקובילניק ומעיירות אחרות — בגיטו וילנה; בשטח קטן מרוכזים היו מאה אלף יהודים. באותו זמן הגיעו כבר אלינו שמועות על התבוסות, שהגרמנים נחלו בחזית, וכבר אז ברור היה לנו, שמפלתם קרובה לבוא. אבל בשבילנו כל יום יקר היה; ידענו היטב, שחודשים רבים לא יחזיקו אותנו בגיטו.

ובאותו זמן נתקבלו בגיטו ידיעות, שבסביבות קובילניק נמצאים פרטיזנים, והבעיה, שעמדה לפני רבים היתה — איך להגיע ליער, להינצל מהשמדה ולנקום באויב. פרטים ממשיים על פרטיזנים אלה הגיעו אלינו דרך הידיעות על פעולותיו של המפקד מרקוב בסביבה ההיא. מרקוב, מורה מסווינציאן וקומוניסט מלפני המלחמה, נסוג יחד עם הצבא האדום בפרוץ המלחמה, נשלח חזרה דרך קווי האויב בשנת 1942 והגיע לאזור, במגמה להקים תנועה פרטיזנית.

התחלנו לתכנן את יציאתנו ליערות והצטרפותנו לפרטיזנים. בערבים אחרי יום עבודה מפרך, היינו נפגשים יחד: חיים־אשר גילמן, הרצל גורדון, ברל רזניק וחיים מלצר מסביר. ידענו, שאין מקבלים אנשים לפרטיזנים, אלא עם נשק ביד — היתה על כן, השגת נשק הדאגה העיקרית של הרגע. במשטרה היהודית של הגיטו היה לי חבר מספסל הלימודים ושמו הירשקה וארשבצ׳יק, והוא רכש בשבילנו את האקדח הראשון. ומה גדולה היתה השמחה, כשהביא את האקדח הזה!

הגיע חודש אפריל, הקור ירד והתחלנו לתכנן את היציאה ליער. איך יוצאים משער גיטו וילנה? זלמן־ברוך יואל מסביר עבד כראש קבוצה של פועלים, שהיו יוצאים לעבודה כל בוקר לנובו־וילייקה. הוא הסכים לצרף אותנו לקבוצתו ומשם היה עלינו להסתלק לדרכנו ליער.

הצלחנו גם באמצעות אותו וארשבציק להצטייד באישור מזויף ממשטרת הגיטו, שאנו נשלחים למחנה עבודה ביער ליד לאבריסקי כ־30 ק״מ מווילנה.

★

ב־14 במאי 1943 היינו הראשונים שעזבנו את וילנה. באותו יום גייסו הגרמנים עובדים. הגענו, 5 חברים, ביחד עם עובדים אחרים, וניתן לנו לעבור את השער ויצאנו לתחנת המשאות של וילנה, ועוד בשעות הבוקר הגענו לווילייקה. קיבלנו שם כלי עבודה בלי כל בעיות — משום שראו את הטלאי הצהוב על בגדינו. המשכנו צפונה, ליער, בלי לעורר חשד. להסתתר היה בלתי אפשרי. במקום אחד פגשנו שוטר ליטאי, רוכב אופניים, וצעק אלינו לעמוד. קבענו בינינו מיד: ניגש ונסביר, כי הולכים אנו למחנה העבודה בנובורסקי. אם יעזבנו — טוב; ואם לא יתן לנו ללכת — נחסלהו במקום. השוטר טען, כי מחנה עבודה זה כבר חוסל, וביקש אישור... הראינו לו את תעודת משטרת גיטו ווילנה — ומכיוון שלא ידע קרוא, עזבנו.

בקושי רב הגענו לגוי אחד שבסביבת מיכלשקי. הגוי השיג לנו, לבקשתנו, רובה, משנת ייצורו 1917, ששילמנו בעבורו כסף רב. הוא גם הסיע אותנו עד לנהר ויליאה. אך כיצד לעבור את הגשר — והשמירה עליו חזקה מאוד?! אמנם, ידענו דרך עקיפין אחרת, אך היא עברה כפר רוצחים ידוע. בקושי רב חצינו את הווילִיאה בלילה בדוברה.

★

הגענו לסביבות סביר. קיבלנו אינפורמציה מאחותו של מישה, שפגשנוה, שלפני יומיים עברה בסביבה קבוצת פרטיזנים והיא עשויה לחזור בחזרה בכל עת. במקום המפגש קרתה תקלה ראשונה: הרצקה גורדון קיבל חום גבוה והוכרחנו להישאר לילה נוסף במקום. פתאום שמענו צעקה. תחילה נבהלנו ואחר־כך הבינונו — הפרטיזנים הגיעו!

בקרב הפרטיזנים היה יהודי אחד. הסברנו לו את מצבנו והוא הבטיח לנו, שאם לא יגיעו פרטיזנים נוספים, הוא יקח אותנו ליער; קסם לו הנשק שלנו... לבסוף הלכנו אתם. זאת אומרת, הם נסעו בעגלה ואנחנו רצנו אחריהם ברגל... הבטיחו לגייס גם בשבילנו עגלה.

לאחר ריצה של קילומטרים אחדים הגענו לבית בודד. יצא גוי זקן ונתן לנו לשתות. פתאום שמענו קולות נשים עולים ממעמקים, ממרתף. בחוץ היה חושך. קול אחד מוכר היה לנו במיוחד... והנה פגישה — שרה קרבצקי! היא סיפרה לנו על רגל אחת את כל תלאותיה. הסברנו לה, כי כעת עלינו להמשיך. נפגשנו אתה לאחר זמן בפרטיזנקה.

★

התקרבנו לסביבות הפרטיזנים. הנארוץ׳, הביצות. הגענו לבסיס. מצאנו שם גם יהודים, אך מהמפקדה הודיעונו בפירוש, שאין מקבלים אותנו. היתה זאת התקופה שלאחר המצור הממושך על הפרטיזנים .את נשקנו לא נטלו מידינו.

נודע לנו, כי יהודים מסוימים מקובילניק חיים ביער. הגענו למקום, על־יד רוסאקי. אמנם, היה שם מחנה, שהוחזקו בו גם יהודים, אך לא מצאנוהו. קראנו ביידיש וברוסית — ואין עונה. המקום היה עזוב ועלוב. לאחר־מכן נודע לנו, כי היהודים מכאן ברחו והסתתרו במקום אחר. חיפשנום ומצאנום. קשה לתאר את הפגישה: היתה זאת ביער בירורקה. מצאנו צללים של אנשים, חולים, מלוכלכים, כשרגליהם עטופים בסמרטוטים. שערותיהם נשרו. כולם חלו בטיפוס הבהרות. מראם בכלל לא היה טבעי... היינו שם שעות מספר והמשכנו בדרכנו.

מצאנו גם יהודים במקום אחר, בסביבת קורניץ. נשארנו בסביבה ימים אחדים. בלילות אספנו אוכל. בסביבה פעלו הפרטיזנים של מיור צ׳רקסוב. הוא לחם נגד הגרמנים, אבל לא קיבל את מרותם של הרוסים. אנטישמי גדול היה האיש. באחד הימים השגיחו בנו פרטיזנים אלה. ציוו להרים ידיים. האשימונו, כי מרגלים גרמניים אנו... הם נטלו את נשקנו, חלצו נעלינו והשאירונו ערומים ובחוסר כול...

✶

חיפשנו קבוצות פרטיזנים אחרות; מצאנו את איש הקשר. היה זה בכביש הראשי בין מיאדל לווילייקה. לאחר שסיפרנו לו את כל הקורות אותנו, אמר לנו, שישנם יהודים בסביבה, אך את מקומם לא רצה לגלות. אך לאחר הפצרות מרובות הביא אותנו לבונקר אחד — היתה שם משפחת הרב ממיאדל. קשה לתאר את התרגשות הפגישה. מצבם היה טוב יותר ממצבם של הראשונים. האוכל היחידי שלהם היתה האפונה השחורה.

✶

לאחר ימי יאוש נודע לנו על גדוד פרטיזנים, שמפקדו הוא יהודי ממוסקבה. וכשנפגשנו עם המפקד ונודע לו, כי יהודים אנו, קידמנו ב„שלום עליכם!" קיבל אותנו לגדודו והזהירנו, כי חייבים אנו להילחם. למחרת הצטרפנו לגדוד ואף הוחזר לנו הנשק שלוקח מאתנו וגדודנו כונה „איסטרוביטל" (המשמיד). לימדו אותנו השימוש בנשק.

והתחילה התקופה של השתלטות הפרטיזנים בסביבה ושל פעולות צבאיות בקנה מידה גדול. השתלבנו בפעולות אלו ועמדנו בהם עד השיחרור.

צילה חארמאַץ
כפר־אביב

עפּיזאָדן פון גיהינום



א קליין שטעטעלע אין ווילנער קרייז; ענליך צו א סך אנדערע שטעטעלעך, נאר דאך אביסל אנדערש... אפשר האבן עס שיין געמאכט די ארומיקע וועלדער?... אפ־שר גאר דער נאראטש?... פרישע לופט?...

אין זכרון שטייען אויף מענטשן מיט טאג־טעגלעכע זארגן, מיט קאמף פארן עק־זיסטענץ. אבער ס׳געדיינקען זיך אויך די יידישע שבתים, ימים־טובים, פרייטיק־צו־נאכטן. דער מארק מיט די יידישע הייזער, פון וועלכע ס׳האבן ארויסגעשיינט די שבת ליכט און לאמפן. ס׳איז נישט געווען צו מערקן, ווער האט דורכגעמאכט די וואך גרינגער אדער שווערער... נאר דער עונג־שבת האט ארויסגעקוקט פון אלע הייזער. יא, דאס אלץ איז געווען שיין און גוט ביז ס׳האט זיך אנגעהויבן די צווייטע וועלט מלחמה, אין סעפטעמבער 1939.

✶

ביזן 9טן יולי 1941 איז געווען פערהעלטניסמעסיק שטיל; ס׳האט געהערשט אן ענדעקישע זעלבסטפארוואלטונג. אינם דאזיקן טאג האבן ארייננמארשירט די ערשטע דייטשע אפטיילונגען און גלייך באצייכנט אים מיט די ערשטע קרבנות: צאַפּנאַס, דער שערער, וועקסלער, דער בלעכער, חיה־רבקה גארדאן און סאָלאָמאָן דער לערער; די איבריקע 12 מאן — וויסרוסן.

ס׳איז, אין אלגעמיין, שווער אנצורירן די ווונדן: די וועלכע האבן דאס אליין דורכגעמאכט, וועלן זיך, לייענדיק, דערמאנען אן זייערע צרות; די וועלכע האבן דאס נישט געזען, וועט זיי שווער זיין צו גלויבן, אז מענטשן האבן דאס געקענט דורכטראגן...

און נאכן 9טן יולי לעבט מען אין שפאנונג. געגאנגען אויף צוואנגס־ארבעט — ווו וועמענס גורל האט אויסגעטראגן: אויפן פעלד, וועגן, וואשן וועש, רוימען הייזער, קערן די גאסן; רוימען דעם מארק, רייסן די גראז מיט די בלויזע הענט.

און דאך איז מען געווען צופרידן... מען האט געהאפט, מען האט געגלויבט און געווארט אויף עפעס בעסערס... אבער קיין בעסערס איז קיינמאל ניט געקומען.

✶

ערב תשעה־באב האט מען אויפגעזאמלט א מאן פופציג אין דער פוילישער פאלקס־שול, ווי געווײנלעך, צו ארבעטן. נאר אלס אפצאל האט מען אנגעהויבן צו שלאגן. שלאגן אלס יידן, יידן־קאמוניסטן, יידן־ציוניסטן. דאס איז נאר געווען בלויז אזא מין שפיל... ווער ס׳האט מזל געהאט איז ביינאכט צוריק־געקומען אהיים; אנדערע זענען פארבליבן נעכטיקן פארשפארטערהייט.

צומארגנס קומענדיק צו דער ארבעט, האבן מיר געפונען די פאלן פארגאסענע מיט בלוט פון נאנטע און אייגענע. גוט נאך, וואס דער „שפיל" איז אדורך אָן קרבנות.

✶

און די היטלער ארמיי איז געגאנגען פארויס. זי האט זיך דערנענטערט צו מאסקווע, לענינגראד און סטאלינגראד. מיט שרעק און מאטערניש האט מען דערצויגן ביז סוכות 1941.

נאך פרייטיק, א פאר טעג פאר סוכות, זיינען אנגעפארן אין שטעטל אן ס.ס. אפטיילונג מיט די שארבן אפצייכנונגען אויפן ארבעל און היטל. איך, ווי געווײנלעך, האב יעצט אויך געהאט דאס „מזל", און גלייך געשיקט געווארן צו ארבעטן ביי זיי; די ארבעט ביי זיי איז געווען אומעגלעך. דאס איז געווען א באנדע חיות אין אוניפארם פון היטלערס ארמיי. זיי האבן אנגעגרייט זעק מיט שמוציקע וועש און געזאגט: „איר יידן זייט צו שמוציק אונז צו באדינען דא; נעמט די זעק און מאכט עס פארטיק ביז מאנטיק פרי; אפ מארש!"

שבת אין אוונט האבן אנגעהויבן שפאצירן די אנפירער פון דער אפטיילונג, מיט דער באטייליקונג פון בורמישטש וואנצקאוויטש ימח־שמו, ווי אויך מיט

די שוץ פאליציי. זיי זענען דורכגעגאנגען דורכן מארק און גאסן — אבער קיינעם איז נישט איינגעפאלן, אז דא ווערט ארויסגעטראגן א טויט־אורטייל אויף מענטשן!

זונטיק פרי זיינען ארויס די ס.ס. אין די באגלייטונג פון די שול פאליציי מיט א רשימה אין די הענט... מ׳האט ניט געוווסט וואס צו טאן — לויפן אדער פארלאזן זיך אויפן גורל... איך, שרה און דער שוואגער נתן זיינען מיר פארבליבן אין שטוב. דערווייל האט מען אויפגעקליבן 48 מאן און געפירט זיי אין דער פוילישע פאלקס שול. ווי היינט וואלט עס געווען — זיי שטייען מיר נאך אין די אויגן, ווי מ׳האט זיי געפירט: הרב מאקאווסקי מיט דער משפחה, פריידל לעוויטאן מיט די קינדער, מאיר גאנטאווניק מיט פרוי און קינד, די פאמיליע ראטווויניק, די פאמיליע קראוועטשינסקי. ווי אויך געקומענע: הרב פוטליק, קאפלאן (זיי האבן געלעבט ביי לעוויטאנען), גרינבערג יעקב־ביינישו, שלמה יאוונאוויטש, זעליג נאראצקי מיט זיין פרוי פון פאדבראדז, די אלטע מוטער גילמאן און אנדערע.

דאס געדויערט ביז 10 אזייגער. 11 אזייגער פאר מיטאג איז מען ווידער ארויס צונעמען יידן — אבער נאר מענער. וווהין מ׳האט ז״י געפירט, האט קיינער נישט געוווסט. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז די לעצטע האט מען גענומען צו גראבן קברים... ביי דער שחיטה איז בייגעווען דער שוואגער נתן זר.

כ׳געדיינק ווי ס׳איז אריין צו אונז בתיה שטיינגארט מיט א געשריי: „געוואלד, יוסף איז צעטומלט געווארן, ראטעוועט!״ כ׳בין גלייך אריין צו אים און געגעבן אים איינשטילונגס מיטלען, ער זאל איינשלאפן. די מיטלען האב איך געהאט באקומען ביי די פרוי ד״ר דובאבסקי; זי האט געזאגט, אז זיי וועלן מיר צונוצקומען...

✶

צוזאמענקלויבנדיק זיך (דורך די גערטנער; 5—6 אזייגער פארנאכט האבן זיך שוין יידן נישט געטארט ווייזן אין די גאסן!) האבן יידן אנגעווענדעט אלע כוחות צו שטארקן מיט האפנונג איינע די אנדערע, אז זיי וועלן אלע יידן ניט אויסראטן און אז מיר וועלן דערלעבן זייער סוף.

איך געדיינק א טאג, ווי ס׳איז אריין צו אונז אברהם גאלדזעגער ז״ל און געזאגט: „געדיינקט, אז מיר יידן זענען געגליכן צו די קנעכט אין מצרים.

ווען זיי איז שלעכט געווען, ווערט געזאגט: „ויצעקו בני ישראל״ — האבן זיי נאך געקענט פארטראגן זייערע ליידן. אבער ס׳איז איבערגעגאנגען און מ׳האט געזאגט „ויאנחו״ — איז דאן „ותעל שועתם״. דאסגלייכן מיר: מיר האבן שוין קיין כוח ניט צו שרייען פון אונזערע ווונדן — מוז דאך קומען די ענדע פון די ליידן.

נאר ניט אזוי גיך און לייכט איז געקומען די ענדע. יעדן טאג האט מען געקעמפט מיטן טויט; יעדן טאג, יעדע וואך האט מען געקויפט דעם לעבן.

★

די קליינע אונטערהעלפערס פלעגן אריינוואַרפן שטיינער דורך די פענצטער אין אייניקע הייזער און נאכדער גייען צו די איבריקע יידישע שטובן און פאדערן אן אפצאל דערפאר, וואס מען האט זייערע שויבן נישט צעבראכן... און מ׳פלעגט געבן... דאס זיינען שטעטלדיקע שקצים.

די דארפישע גוים פלעגן קומען קויפן דאס יידישע גוטס. „צו וואס דארפט איר די זאכן — מ׳וועט דאך ביי אייך אלץ־איינס צונעמען...

מיר זיינען געווען געגליכן צו חיות, וואס מ׳יאגט זיי. זייער ווייניק האבן זיך באצויגן צו אונז עפעס מענטשלעך.

★

און פון דאנען צו א געשעעניש שוין זייענדיג אין וואלד. איין אוונט איז געקומען צו אונז אין די זעמלאנקעס, וואס מיר האבן פארנומען, שמערל קאטשערגינסקי ז״ל און אברהם סוצקאווער. אין שיין פון געשפאלטענע שפענדלעך האבן זיי פארגעליינט זייערע מלחמה שאפונגען. דאס איז געווען אין דער זעמלאנקע הייל פון חסיה קרוקאוו. די אויגן פארוויכערטע פון די פעכיקע קין, אבער פול מיט האפענונג: אפשר וועלן נאך די פארפאלגטע צעבראכענע יידן ווען אמאל זיין ווי מענטשן ?...

וועגן דעם ברודער־קבר נעבן קאבילניקער וואלד

אין 1954 קומענדיק אמאל אין קאבילניק, האט מען גלייך געזאגט, אז היינט האט מען צעגראבן דעם מאסן קבר, וואס אין וועלדל. כ׳בין גלייך אוועק דארט און דערזען א פונאנדערגעגראבענעם קבר און אויך סימנים פון

2 מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן אין קבר און איבערגעקליבן די זאמד, כדי צוגעפונען ווערטפולע זאכן... כ׳בין אוועק צו דער ארטיקער מאכט און געבעטן א דערלויבניש ארויסצורופן מיליץ מיט א שפיר הונט; אבער מ׳האט מיר נישט ערלויבט.

כ׳האב דאן טעלעפאנירט אין פאסטאוו און ארויסגערופן פייוול טשערנאצקי; ער איז געקומען און מיר האבן פארשאטן צוריק דעם קבר.

ענדע די זעלבע וואך חלום איך, אז ס׳קומט צו מיר אסתר־לאה גדליה׳ס ע״ה און בעט מיך: „האב רחמנות, זע מ׳זאל אונז צודעקן, ס׳איז אונז קאלט״... באלד אינדערפרי האב איך ארגאניזירט אלע קאבילניקער, וועלכע האבן געלעבט אין פאסטאוו. לייזער דימענטשטיין האט געגעבן א מאשין פון דער ארבעט. מיר האבן ווידער געטראפן דעם קבר צעגראבן! פארשטייט זיך, אז מיר האבן אים ווידער פארשאטן.


אבער אין א וואך ארום האט שרה מיין שוועסטער געפונען דעם קבר צום דריטן מאל צוגראבן. האב איך זיך שוין דאס מאל געווענדעט אין פאסטאוו צו דער געהעריקע אינסטאנץ. דער רעזולטאט איז געווען, אז א געוויסער רוסישער קאפיטאן (וועלכער האט געזוכט גאָלד אין קבר) האט באקומען 10 יאר — און פון דאמאלסט האט מען דעם קבר צורו געלאזט.

אין א פאר יאר שפעטער האבן פייוול טשערנאצקי, ברוך נאראצקי, און לייזער דימענטשטיין פארצעמענטירט דעם מאסן קבר. אין 1958 האבן מיר פארן אפפארן קיין ישראל ארומגעצוימט דעם גאנצן בית הקברות מיט האלץ. און אזוי האט זיך אונזער לעבן אין קאבילניק פארענדיקט.

חיים גאנטאווניק
רמת יצחק

נע-ונד אין מלחמה

לערער ביי די רוסן



דער דייטש־פוילישער קריג פון יאר 1939 האט מיך געטראפן אין קאבילניק. נישט ארומקוקנדיק זיך און נישט פונאנדער־קלייבנדיק זיך אין דער געשאפענער לאגע, נאר הערנדיק, אז די דייטשן באמבארדירן ווילנע — קלייבן מיר זיך, א קליינע גרופע אויף ראווערן, נענטער צו דער סא־וויעטישער גרענעץ. דאס איז אבער שוין געווען איבריק, ווייל דעם 7־טן סעפטעמבער גייט איבער דאס סאוויעטישע מיליטער די גרענעץ און „שטעקט אויס א ברודער־האנט די פארשקלאפטע ברידער".

עס הויבט זיך אן א ניי לעבן ביי נייע אומשטענדן, א לעבן צו וועלכן די „גרויסע" אויפטוער פון א קליין שטעטל זיינען נישט געווען שטארק צו געגרייט און נישט געקליבן פון אים קיין איבריקן נחת. דער יוגנט האט דאס אויפגענומען א ביסעלע לייכטער, ער ווערט צוביסלעך אריינגעצויגן און בלית־ברירא הויבט מען זיך אן צו אקלימאטיזירן.

נישט קענענדיק די לאנדס־שפראך (יעצט רוסיש, ווייסרוסיש) ווער איך געשיקט אויף לערער קורסן, און נאכן לערנען זעקס מאנאטן ארבעט איך, ביז צו די פעריען, אלס לערער פון א פאלקס־שול אין דערבייאיקן דארף רידופלע, אין א נישט־אינגאנצן געהויבענער אטמאספער פון די פויערים, סיי אין דער באציאונג צו דער נייער מאכט, סיי צו מיר, אלס „פארשטייער" פון א גאר נישט איי־איי באליבט פאלק. נאר ווידער דאס זעלבע — בלית־ברירא מוזן זיי זיך נעבעך צוגעוווינען.

נאך די פעריען באקום איך א העכערונג און ווער איבערגעפירט אלס פארוואלטער פון א שול אין יאסיעווע (א דארף נישט ווייט פון קאבילניק),

אין וועלכער איך ארבעט נישט קיין לייגנערע צייט, ווייל דעם 20־טן אקטאבער 1940 ווער איך גערופן צום מיליטער־דינסט און אדורכמאכנדיק א היבש ביסל וועג קום איך אַן נאך 10 טעג אין באקו (קאווקאז) אין א מיליטער שול.

אין קאווקאז

שווער זיך צו געזעגענען מיט די נאענסטע און טייערע, מיט חברים און באקאנטע. מיט דאס אלעס וואס יארן־יארן ביסטו געווען אזוי אינטים פארבונדן. עס בייגקט זיך זייער נאך דעם אלעם, שרייב זיי אפט און באקום בריוו. ווער האט עס געטראכט, אז איך וועל זיך שוין מער מיט קיינעם נישט טרעפן, און נאך א לאנגן וואנדערן אומקערן זיך אהיים — און קיינעם שוין נישט טרעפן צווישן די לעבעדיקע.

די מלחמה טרעפט מיך אין מיליטער ביי דער פערסישער גרענעץ. מיר מארשירן אריין אין פערסיע, דערגייען ביז צו דער איראקישער גרענעץ, ווו מיר טרעפן זיך מיט דער ענגלישער ארמיי. מיר זיינען אבער דארט נישט קיין לאנגע צייט, ווייל די ארמייען רוקן זיך אלץ פארויס און פארוויסטן אלץ אונטער דעם וועג. מען ווארפט אונז איבער אויפן פראנט אבער אויך דא פארהאלטן מיר זיך נישט קיין לאנגע צייט. מען געפינט אין אונז אויס געפערלעכע פארברעכערס און מען שיקט אונז טיפער אין היגטערלאנד אויף גאנץ שווערלעכע ארבעט. און בכדי צו זיין נאך מער איזאלירט ווי מ׳דארף — ווארפט מען אונז אריין אויף א וויסטן קאטארגע אינזל אויפן קאספישן ים. דער הימל דינט אונז דא אלס דאך אויפן קאפ, און די פיר זייטן פון דער וועלט — אלס פיר ווענט...

אויפן קאטארגע אינזל

מיר ארבעטן דא צוועלף שעה אין טאג עבודת פרך; מיר בויען פארפעסטונגען ביי א הייסן קלימאט און מינימאלע באשפייזונג. נאך עטלעכע מאנאטן ווערן די נייע „איינוווינער" פון דעם פארווארפענעם אינזל ענלעך צו לעבעדיקע מתים, און די רייען ווערן שיטערער... ארום איז אבער מלחמה און ס׳איז נישטא קיין צייט צו טראכטן וועגן אזעלכע שרעקלעכע פארברעכער. איך ווער קראנק אויף קדחת און צינגא, ליג אין לאזארעט (א פאלאטקע מיט א הילצערנע פאדלאגע) און ווער געשיקט אין שטאט אויף היילונג.

נאכן אפליגן א היפש ביסל צייט אין שפיטאל האב איך שוין נישט קיין איבריקן חשק צוריק צו קערן און בלייב שוין אויף אזא ארבעט נישט ווייט פון דער שטאט. הונגער, נויט, בארוועס, נאקעט, קראנקהייטן און צרות אן א סוף באגלייטן מיר דעם ענדע פונם קריג. און די איינציקע האפנונג איז אומקערן זיך אין שטעטל און אפשר געפינען דארט עמעצן פון די ליבע און טייערע.

✶

ליידער! פאטער, מוטער, ברודערל — אומגעקומען אין קאבילניק; שוועסטער און מאן — נאך א לאנגן וואנדערן בעת דער ליקווידאציע פון פאסטאווער געטא. נאר איינציקע פארבליבענע פון חורבן קאבילניק האבן געקענט דערציילן וועגן די גרויזאמע טעג און וועגן דעם גרויזאמען חורבן.

מער וואס צו טון האב איך דא נישט און באזעץ זיך אין ווילנע. הויב אן אלץ פון דאסניי און ביי דער געלעגנהייט פארלאז איך אויך ווילנע אויפן וועג פון א ניי לעבן.

קום קיין פוילן און פון דאנען קיין ישראל. אן ענדע צו די וואנדערונגען — א רואיק לעבן פאר זיך און א צוקונפט פאר די קינדער.

ע מ ו ד, ה ה ל ך

הנותרים לחיות! בבוא אורכם לב תנו
לרשת את דמעת כלים כנר עומם.
אל תשכחו. נשמו נא פנימה את מותנו.
זכרו להיות מדעת על קידוש השם.

(אברהם סוצקבר; מתוך
ספר מלחמות הגיטאות).

יהושע סווידלער

אין גיהינום פון ווילנער געטא

טויער פונם גיהינום

אין ווילנער געטא בין איך אנגעקומען נאך א רייכער דערפארונג פון ביטערע איבערלעבונגען, וועלכע איך האב אדורכגעמאכט אין קאבילניק, סוויר מיכאלישאק און אנדערע ערטער, זינט די דייטשן האבן אקופירט אונזער געגנט. געווען איז דאס פארנאכט, ווען דער עולם האט געשטראמט מאסנווייז פון דער ארבעט צוריק אין געטא. דאס בילד האט אויף מיר געמאכט א שווערן איינדרוק, ווי אזוי מענטשן, פארפרוירענע, יונג און אלט, פרויען און מענער, גייען מאכטלאז דעם קאפ אראפגעלאזט ווי פאראורטיילטע צום טויט, 4 אין א ריי מיט די טארבעס און קאך געשיר ביי דער זייט, אנגעשטאפט מיט פארשיידענע שמאטעס, וועלכע זיי האבן צונויפגעקליבן. דער געדראנג, די צערודערונגביים ארייגאנג, די יידישע טויערוואך, ווי אזוי זי מאכט ארדנונג, גומענע שטעקנס טראגן זיך איבער די קעפ, עטלעכע ליטווינער אונטערזוכן יעדן איינעם און ווייז צו דעם ביי וועמען זיי געפינען וואס — אזוי האט אויסגעזען מיין ערשטע באגעגעניש מיטן געטא.

אונזער אויטא איז פארפארן אויף אשמענער געסל. דארט איז פאר אונז צוגעגרייט געווען א וווינונג מיט פריטשעס. מען האט אונז ארייגעטריבן אין א קעלער, אדער א געוועזענעם סקלאד, ניט באהייצט. מיר האבן געמאכט פייער, נאר ווער האט געקענט דערה״יצן דעם קעלער. פון די ווענט האט געראנען וואסער, פון סופיט האט געראנט, און דער קוימען האט גערויכערט. מיר האבן שטארק באדויערט אונזער ביטערן מזל. די פאליציי האט אונז געהיט, אז קיינער פון אונז זאל חלילה ניט ארייגשמוגלען זיך אין געטא. שפעטער האבן מיר געווארט א וואך צייט אויף א באד און נאכדעם זיינען מיר ערשט געווארן „בירגער״ פון געטא מיט אלעמען גלייך.

שווערע ארבעט

גאנץ שנעל האט מען מיר צוגעשטעלט צו דער ארבעט, וועלכע איז געווען זייער א שווערע. יעדן טאג, גאנץ פרי, האבן מיר געמוזט אויפשטיין צום אפעל. און נאכדעם האט מען אונז געפירט צו דער ארבעט ווי די שקלאפן.

אין לאגער גופא איז אנגעגאנגען א שטרייגנע דיסציפלין. פאר יעדער קליינינקייט האט מען געקראגן געשלאגן. אויך האט מען אנגעווענדעט קעגן אונז פארשיידענע שטראף מיטלען, ווי תפיסה און אנדערע צוואנגס מיטלען. אויסער די פיזישע ליידן האבן מיר שווער געליטן, וואס מיר זיינען געווען אפגעריסן פון אונזערע פאמיליעס. מיר האבן די ליכטיקע שיין ניט אנגעזען נאר ביטער געהארעוועט פון פינצטער ביז פינצטער; דער הונגער האט אונז זייער געפייניקט און קיין האפנונג אויף בעסערע צייטן איז ניט געווען.

אין דער צייט האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז מען גייט ליקווידירן מיכאלישקער געטא, ווו מיין משפחה האט זיך געפונען. דער יידנראט האט געמאלדן, אז ווער ס'האט פרויען און קינדער אין מיכאלישאק קען זיי ברייגנען אין געטא ווילנע; פארשטענדליך, יעדער איינער האט געטאן אלץ וואס מעגליך איז צו ברייגנען צו זיך די משפחות. שפעטער האבן מיר זיך דערוווסט, דאס מען האט ווירקלעך אומגעבראכט מיכאלישקער געטא אויף זייער אן אכזריותדיקן אופן, טויזנטער מענטשן האט מען אויסגעשאכטן ווי די קעלבער און פון זיי אלעס אוועקגענומען, אוך נאר איינצעלנע איז געלונגען צו אנטלויפן און דערציילן דעם גאנצן טרויעריקן אמת וועגן מיכאלישאק.

אונזער גרופע, וועלכע האט זיך געפונען אין געטא, האט באקומען א פאראדנונג צו טראגן נומערן אויפן האלדז, אזוי ווי הינט, און וועמען מען וועט כאפן אן א נומער וועט מען דערשיסן. אויך קינדער זיינען ניט געווען קיין אויסנאם, אויך זייערע הענטלעך האט מען נומערירט מיט טוש ווי פארברעכער.

היינט לעבט מען...

די כסדרדיקע אקציעס האבן פארביטערט דאס לעבן. די פארשידענע „פארזארגער", ווי פאליציי־בריגאדירן, „יודענראטלער" — זיי האט זיך אמבעסטן געלעבט. זיי האבן געפרעסן, געזויפן און פארשידענע ארגיעס געטריבן. מען האט געוווסט, אז היינט לעבט מען און מארגן איז דער טויט. א גרויסער טייל פון דער יוגנט איז געווארן דעמאראליזירט און הפקר.

צו דער ארבעט האט מען געטריבן אין רייען. פאר אדורכלאזן א טאג ארבעט איז מען געווארן באשטראפט מיט א נאכט אפזיצן אין טורמע. ווען מען איז געווען קראנק, האט מען געמוזט האבן א באשטעטיקונג פון א דאקטאר און ניט לייכט איז אנגעקומען דאס שטיקל פאפיר; מען האט געמוזט האבן פראטעקציע און גליק. אממערסטן זיינען די געזונטע געזעסן אין דער היים

און די קראנקע האבן געארבעט. דערפאר האט זיך דער עולם אליין גענומען דעם אורלויב און טאג־טעגלעך איז די לידסקע טורמע געווען איבערפולט מיט „ארבעטס־פארברעכער". די פאליציי האט געשוויצט ביים כאפן די מענטשן און שלעפן זיי אין טורמע. ביי דער נאכט, ווען מיר פלעגן דערהערן א געלויף אויף די טרעפ, האבן מיר געוווסט, דאס די פאליציי איז געקומען מיט א באפעל פון ארבעטס־אמט צו ארעסטירן די וועלכע האבן זיך ניט צוגעשטעלט צו דער ארבעט.

אין טורמע

אין דער טורמע האט זיך אנגעהויבן אן אויספארשונג, אזוי ווי מיר וואלטן געווען די גרעסטע פארברעכערס. יעדער איינער איז פארשפארט געווארן אין א קאמער אונטערן שלאס און געדארפט ליגן אויפן שמוציקן באדן. די ווענט אין די קאמערן זיינען געווען באשמירט מיט פארשידענע אויפשריפטן און לאזונגען קעגן די פירער פון געטא. איך בין אויך געווען אפאר מאל פארשפארט אין דער טורמע אויף לידסקער גאס פארן זעלבן „פארברעכן". שפעטער איז געווארן זייער שטריינג און דער עולם האט זיך אביסל אפגעהאלטן, ווייל די ערשטע וועלכע מען פלעגט נעמען צום אומברענגען זיינען געווען די ארעסטירטע פון דער טורמע, צוזאמען מיט די קרימינעלע פארברעכער וועלכע האבן זיך דארטן געפונען.

צום ערגסטן איז געווען די לאגע פון די פליטים פון דער פראווינץ, ווי סוויענציאנער, אשמענער, מיכאלישקער און סמארגאנער יידן, וועלכע האבן זיך געפונען אין געטא; מיט זיי האט מען פארשטאפט אלע לעכער. דאריבער האבן זיך געשאפן גרופקעס פון פראווינצער, וואס האבן געוואלט פארלאזן דעם ווילנער געטא, נאר אויך דאס איז געווען ניט אזוי לייכט. דאס געפאר ביים אריבערגיין דעם צוים איז געווען גרויס, ווייל עס איז געווען זייער באוואכט, און אויסער דעם, אז מען פלעגט אין אזא פאל עמיצן כאפן איז די שטראף אויך געפאלן אויף זיין פאמיליע. דערפאר, טאקע, האבן זיך אונטער־נומען אויף אזא ריזיקע גאר ווייניקע מענטשן, אויסער די, וועלכע האבן קיין פאמיליעס ניט געהאט און האבן זיך געקענט ערלויבן אזא לוקסוס. אויך דאן האבן געליטן די הויז־איינוווינער, וועלכע זיינען געווארן באשטראפט. ווען דאס אנטלויפן האט אנגענומען א מאסן־כאראקטער, האט מען אויף יעדע 10 מענטשן אויסגעקליבן איינעם, א פאראנטווארטלעכן, דאס ער זאל היטן זיינע 9 חברים.

אין גערהאנגל פאר געווער

אין ווילנער געטא האב איך געטראפן די פאלגענדע קאבילניקער יידן: חיים אשר גילמאן מיט זיין שוועסטער מאטלע, אויך פייוול און בענצ׳קע שטיינגארט. חיים אשר מיט זיין שוועסטער איז שפעטער אוועק מיט סווירער חברה אין די וועלדער פון זאנאראטש צו די פארטיזאנער. צו יענער צייט איז געוואקסן די באדייטונג פון קריגן געווער. ניט איינמאל האט מען פאר אזא ארבעט באצאלט מיטן לעבן. איינמאל איז געשען א פאל מיט א סוויענציאנער בחור, וועלכער האט געוואלט אריינשמוגלען א רעוואלווער אין געטא; א יידישער פאליציאנט האט אים געכאפט און ס׳איז אוועק א קאמף אויף לעבן און טויט. דער בחור האט אין געראנגל דערשאסן דעם פאליציאנט. גענס אליין, דער אנפירער פון יידנראט, איז כמעט דערשאסן געווארן ביים געראנגל, ביז מען האט דעם בחור אנטוואפנט און אים דערשאסן.

פון דעם האט די געסטאפא ניט געטארט וויסן און מען האט אים מקבר געווען אין געהיים. דאגעגן, דער פאליציאנט, האט „גענאסן" פון א גרויסע לוויה און גענס אליין האט געהאלטן דעם הספד נאך אים. זייט יענעם טאג האט מען זייער שטארק קאנטראלירט, איבערהויפט די פראווינצער יידן, אבער די אלע באגרענעצונגען האבן ניט געקאנט צוריק האלטן די אומצופרידענע, וועלכע האבן געזוכט א וועג צו באקומען געווער אין געטא פאר יעדן פרייז. א נייע פאזע פון ווידערשטאנד איז אריינגעטראטן ווען קייטעל, דער באוווסטער מאסן מערדער, האט איבערגענומען די מאכט אין ווילנע. פון דאן האבן אלע געשטרעבט וואס שנעלער צו אנטלויפן אין די וועלדער און פארלאזן דעם געטא. א טייל יוגנט האט גענומען זיך ארגאניזירן אויף א ווידערשטאנד און א טייל צו אנטלויפן אין די וועלדער, און אנדערע האבן אנגעפאנגען בויען בונקערס און „מאלינעס" אונטער דער ערד. דער מערדער קייטעל איז געווען דער ליקווידאטאר פון ווילנער געטא און גלייכצייטיק דער באקעמפער פון די פארטיזאנער. ער איז געווען געמיין און ראפינירט, ער האט גוט פארמאסקירט זיינע פארברעכערישע פלענער. נאך פארן קומען אין ווילנע האט ער געהאט אויף זיין געוויסן טויזנטער אומגעבראכטע יידן. אין געזדאנער לאגער אליין האט ער אומגעבראכט 1100 יידן, וועלכע זיינען דארטן געווען פארשפארט.

טראנספארטן קיין לעטלאנד און עסטאניע

אין יאר 1943 האט קייטל פאראָרדענט צו צושטעלן פון ווילנער געטא 6 טויזנט יידן אויף ארבעט אין לעטלאנד און עסטאניע; די לאגע איז געווארן

זייער א געשפאנטע. קייטעל האט געפאדערט דאס די יידן זאלן זיך צושטעלן פרייוויליק צו די וואגאנעס, נאר עס האט ניט געהאלפן. די יידן האבן פארשטאנען מיט וואס דאס שמעקט און ווער נאר ס'האט געקענט האט זיך פארבאהאלטן אין בונקערס און ווו נאר מען האט געקענט. ס'האט ניט געהאלפן וואס גענס אליין איז ארומגעגאנגען איבער די הויפן און האט אויפגעפאדערט די יידן מיט גוטן און מיט בייזן, אז מען זאל זיך צושטעלן פרייוויליק. נאר קיינער האט אים ניט געהערט. ער האט אלעמען געדראט, דאס מען וועט אויפרייסן די בונקערס, און יידן זיינען געזעסן פארשטעקט. כדי אויסצופירן דעם פלאן האט די יידישע פאליציי זיך געלאזט גיין פון הויז צו הויז און געכאפט מענטשן מיט כח. אויך פון די ארבעטס פלעצער האבן זיי געכאפט מענטשן און געפאקט אין די וואגאנעס. נאך קונציקע שפיצלעך איז זיי דאך געלונגען צו פארנארן א טייל קרבנות און אזוי ארום האבן זיי געכאפט ביי א טויזנט מענטשן און ארויסגעשיקט.

דערפאר האט זיך געשאפן א לאגע, אז מען האט מורא געהאט גיין צו דער ארבעט און דאס גאנצע לעבן אין געטא איז געווארן פאראליזירט. אין א וואך ארום האט מען ווידער אנגעהויבן פון־דאס־ניי צו פאדערן מענטשן אויף עסטאניע, און אז מען האט ניט געקענט נאכקומען, האט מען פארשפארט דאס געטא ארום און ארום און מען האט פאראדנט, אז די יידישע פאליציי זאל אויף איר אייגענער האנט דורכפירן די איבערזידלונג קיין עסטאניע.

פאניק און זעלבסטשוץ

אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער 1943 האבן זיך אנגעהויבן די שרעקלעכסטע טעג פארן ווילנער געטא. א געפערלעכע פאניק, א געלויף, א יאגעניש נאך די קרבנות. מען האט געזוכט אין אלע בונקערס, לעכער, בוידעמער. גלייכצייטיק האט מען געמאלדן, אז די יעניקע וועלכע וועלן בייהילפיק זיין ביים ענדעקן בונקערס וועלן באפרייט ווערן פון דער איבערזידלונג. אזוי ארום האבן אנדערע אנגעוויזן ווו די בונקערס זיינען, נאר דער סוף איז געווען, דאס מען האט די פארעטער צוזאמען ארויסגעשיקט מיט די אלע איבעריקע, וועלכע מען האט געכאפט... אין דער גרויליקער צייט האט זיך געשאפן די זעלבסטשוץ פון די יוגנט ארגאניזאציעס. אויף סטראשון גאס, אין הויף נומער 12, ווו איך האב געוווינט, האט מען דעם גאנצן הויף אויפגעריסן, ווייל מען האט דערציילט, דאס פון דארטן איז געפאלן א שאס פון דער זעלבסטשוץ.

איך בין דעמאלט געווען פארשטעקט אויף שאוועלסקע גאס אין א מאלינע. איך האב איבערהויפט ניט געוווּסט וועגן דעם. שפעטער האב איך זיך דערוווּסט, אז אן אנדער גרופע אויפשטענדלער האבן בלאקירט און באזעצט צוויי הויפן, אין דעם די קינדער קיך, וואס אויף דעם באלקאן האבן זיי ארויפגעשטעלט א מאשין געווער. דער ארומיקער עולם איז באוואפנט געווען מיט פלעשלעך און ברוק־שטיינער און איז געווען גרייט אויף יעדע געשעעניש. נאר גענס האט געוווּסט וואס פאר א פאלגן ס׳קען פון דעם ארויסקומען, האט ער די צוויי הויפן אויסגעמיטן, כדי ס׳זאל ניט קומען צו א גרויסער בלוט פארגיסונג און ענטגילטיקער אונטערגאנג פון געטא.

די לאגע האט זיך וואס א טאג אלץ מער און מער פארשארפט. דאס געטא איז געווען געשלאסן. דער הונגער איז געוואקסן; א קילא ברויט האט שוין געקאסט 150 רובל. ווער ס׳האט געהאט מעגלעכקייטן איז אנטלאפן פון געטא. ס׳זיינען אפילו געווען קלאנגען, דאס גענס אליין האט מיטגעהאלפן ביים ארויסגאנג פון געטא, אפשר אונטערן דרוק פון די פארטיזאנער.

מעשה איציק וויטנבערג

צו יענער צייט איז די ווידערשטאנדס באוועגונג געווארן וואס ווייניקער געהיים, ס׳איז שוין געווארן אויס סוד. גאנץ אפט זיינען פארגעקומען שיסערייען און געשלעגן צווישן דער געטא פאליציי מיט די מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ ארגאניזאציע. איך געדיינק דעם טרויעריקן פאל, וואס איז געשען מיט דעם העלדישן ארבעטער טוער איציק וויטנבערג, דער קאמענדאנט פון דער קאמף ארגאניזאציע אין ווילנע, וועלכער האט צו יענער צייט געהאלטן אין שפאנונג דאס גאנצע געטא. מען האט אים געמסרט, אז ער געהערט צו דער אונטערגרונט־באוועגונג און די געסטאפא האט געפאדערט פאר יעדן פרייז, אז גענס זאל אים ארויסגעבן. ס׳האט זיך אנגעהויבן א קאמף אויף לעבן און טויט. ער האט זיך ניט אזוי לייכט געלאזט נעמען. די פאליציי האט אים פארפאלגט אבער ס׳איז געווען צוועקלאז. די דייטשן האבן אויפגעפאדערט די געטא איינוווינער, אים צו כאפן — ווען ניט וועט דאס גאנצע געטא ליידן. וויטנבערג האט זיך פארקליידט אלס פרוי און מען האט אים ניט געקענט געפינען. זיי האבן געוווּסט, דאס ער איז באוואפנט מיט צוויי רעוואלווערן און ס׳איז צו אים שווער צו צוקומען. עס וואלט נאך זייער לאנג געדויערט דער טויטן־שפיל, נאר ער אליין האט באשלאסן זיך איבערגעבן די געסטאפא פרייוויליק אין די הענט, כדי מען זאל ניט אננעמען קיינע סאנקציעס קעגן געטא צוליב אים.

נאך א טאג פון שרעקלעכע פייניקונגען אין דער געסטאפא האט איציק וויטענבערג איבערגעריסן זיין יונג און העלדיש לעבן.

געלויף נאך קרבנות האט אנגעהאלטן...

די דייטשן האבן פארגעזעצט צו כאפן מענטשן און האבן געהאלטן אין אויפרייסן בונקערס און אנדערע פארשיידענע באהעלטענישן. דער חורבן אין געווען גרויס. מען האט נאר געזען פענצטער און טירן אראפגעריסן, שויבן אויסגעהאקט פון אויפרייסן, דעכער און באלקאנען זיינען געהאנגען אין דער לופטן. קופעס ציגל און גרוז האבן געשטערט דעם אדורכגאנג. די גאנצע גאסן זיינען געווען אנגעווארפן מיט ציגל און פארשידענע אפפאל. ס'איז שווער געווען צו ראטעווען די מענטשן, וואס זיינען געלעגן אונטער די חורבות. דער געלויף נאך מענטשן האט אנגעהאלטן. מען האט געמוזט געגוג פארזיכטיק זיין ניט אריינצופאלן אין די הענט פון די כאפערס. די פארווינצער יידן זיינען געווען די גרעסטע קרבנות, מען האט זיי איינפאך בלאקנוויז מיט זייערע פאמיליעס געצווונגען און אוועקגעשיקט קיין לעטלאנד און עסטאניע. איך בין נאך א צייט געלעגן אויסבאהאלטן אויף די בוידעמער, נאר אין גיכן זיינען אנגעקומען די לעצטע טעג פון ווילנער געטא און במילא די ענדע פון טרויעריקן לעבן, וואס מיר האבן דארט געפירט

גענסעס סוף

דינסטיק פארנאכט דעם 14־טן סעפטעמבער 1943, איז גענס ארויסגעפאדערט געווארן צו דער געסטאפא און צוריק איז ער שוין ניט געקומען. מען האט אים אויפן הויף דערשאסן. א שרעקלעכע צערודערונג האט די ידיעה ארויס־גערופן אין געטא, ס'האבן זיך גלייך אנגעהויבן פאשפרייטן פארשיידענע לעגענדעס און געשיכטעס. מאנכע האבן גענסן פארגעטערט און באוואונדערט זיין כח און געדולד. בדרך כלל איז שווער געווען צו שאפן א קלארע כאראקטעריסטיק וועגן אים. ער האט געפירט א פארשיידנארטיקע פאליטיק, האפנדיק, ווארשיינלעך, דאס ענדלעך וועט ער קענען ראטעווען א טייל יידן, און איבערלעבן די שווערע היטלער צייט. נאר, ליידער, איז דאס אים ניט געלונגען און זיין חשבון איז געווען פאלש. ער אליין איז געווען א קאפיטאן אין דער פריערדיקער ליטווישער ארמיי, און א אסימעלירטער ייד, וועלכער האט חתונה געהאט מיט א קריסטלעכער פרוי.

נאך גענסעס טויט איז געווארן דעסלער דער קאמענדאנט פון יידנראט, נאר אויף א קורצע צייט; אויך אים האבן די דייטשן אומגעבראכט. שפעטער

איז געווארן בעניע קאנסקי אויף זיין פלאץ און איז געוועזן ביז דער פולשטענדיקער ליקווידאציע פון ווילנער געטא. מיטן בייטן די אנפירערשאפט פון יידנראט האט זיך אבער קיין זאך ניט געביטן און אונזער לעבן, דער חורבן און צעשטערונג איז אנגעגאנגען ווייטער. אזוי ארום האט מען אויך אויפגעריסן אונזער בלאק און איך האב זיך איבערגעקליבן אויף דער דײַטשער גאס. מיין פרוי האט געארבעט אין א קינדער קיך און מיר זיינען געוועזן א ביסל פארזארגט מיט עסן, וועלכעס האט דאן געשפילט א גאר גרויסע ראלע.

אויף דער שפיטאל גאס אין ווילנע האבן זיך קאנצענטרירט דאן טויזנטער מענטשן, מען האט דאס גערופן די בערזע. פארשיידענע זאכן האט מען דארטן געקענט הערן און וויסן, אפילו זאכן פון דער גרויסער וועלט. אלץ איז געווארן צוגעטראכט, ס׳האבן אויך ניט געפעלט דארטן קיין פראוואקאטארן און אגענטן, וועלכע האבן זיך דארט ארומגעדרייט און האבן ספעציעל ארויסגעלאזט פארשיידענע קלאנגן וועגן דעם געטא. אין געטא זיינען אפן געוועזן צוויי קאפעען און דארטן איז שטענדיק פול געוועזן מיט מענטשן ביז שפעט אין דער נאכט. דארטן איז אויך געוועזן א קוועלע פון ליגנס און פארשיידענע רכילות, וואס א סך פון דעם איז דערנאך געווארן אמת... איך האב זיך ארומגעדרייט לאנגע שעהן אויף דער שפיטאל גאס און זיך אנגעזעטיקט מיט אזוי פיל מעשיות אז דער קאפ איז כמעט געווארן צוזעצט פון טראכטן. ניט האבענדיק קיין אויסוועג פון דער שווערער לאגע האט זיך אויך ביי מיר פארגנבעט א געדאנק פון אנטלויפן פון געטא, נאר דערצו האט מען געמוזט האבן געווער און דער פרייז פון א רעוואלווער נאר איז געוועזן 25 טויזנט רובל און אזוי פיל געלט האב איך ניט געהאט.

ליקווידאציע!

מיטוואך, דעם 23־טן סעפטעמבער אין אוונט, 9 טעג נאך טויט פון קאמענדאנט גענס איז דאס געטא אויפגעציטערט געווארן פון דער שרעקלעכער בשורה, אז ס׳איז געקומען דער טאג פון דער ליקווידאציע. מארגן דאנערשטיק, ביז מיטאג מוזן אלע פרייוויליק זיך קאנצענטרירן אויף רודניצקער גאס. אלעמען איז קלאר געווארן וואס דאס מיינט. שווער צו שילדערן יענעם מאמענט. מען האט געמוזט האבן אייזערנע נערוון דאס איבערצוטראגן און בלייבן ביים קלארן פארשטאנד. הארצרייסנדע סצענעס האט מען געקענט זען אויף יעדן שריט און טריט. הילפלאז און צעבראכן זיינען מענטשן ארומגעלאפן ניט וויסנדיק וואס צו טאן. א גרויסער טייל אויסגעשעפטע פון הונגער האבן זיך

אוועקלאזן אין א ווילדן געלויף איבער די סקלאדעס, בעקערייען און קיכן; מען האט די שלעסער אויפגעבראכן, די שטאבעס אויפגעריסן, מען האט אלץ פארניכטעט, צעטראטן מיט די פיס. יעדער איינער האט געכאפט, וואס ס׳איז אים אונטערגעקומען אונטער דער האנט. די פאליציי און די אנפירער פון געטא זיינען ארומגעלאפן ווי ווילדע חיות און מערדערלעך געשלאגן, וועמען זיי האבן נאר געכאפט. ווייבער האבן ספאזמירט, קינדער האבן ביטער געוויינט. יעדערער האט מיט זיין פעקעלע אין האנט און מיט זיין פאמיליע געשטראמט צום זאמל־פונקט. די וואס האבן געהאט אנגעגרייט א בונקער האבן זיך פארשטעקט. זעענדיק אלעס וואס דא קומט פאר בין איך אויך מיטגעריסן געווארן מיטן המון און האב געפאקט א פאר לעבלעך ברויט, און איך בין געלאפן אהיים, זען וואס מיר זאלן טאן. ביי אונז אויפן הויף איז געווען א מאלינע, וואס האט געהערט צו די קוימענקערעס. זי האט זיך גערעכנט אלס בעסטע און זיכערסטע. איינ־געארדנט איז זי געווען מיט אלע באקוועמלעכקייטן, מיט גרויסן בעטן, וואסער. דער אריינגאנג איז געווען זייער א קינסטלעכער, אויך לופט האבן מיר באקומען פון א קוימען. א שטריק איז געווען צוגעפעסטיקט אין קוימען, דאס מען זאל קענען ארויסגיין און זען, וואס ס׳טוט זיך אין דרויסן. אויף דעם זיינען די קוימענקערעס געווען ספעציאליסטן, נאר וועמען האט דאס געקענט איינפאלן, אז די ערשטע מפלה, גלייך אויף מארגן, וועלן זיי דוקא האבן. ווי איך האב זיך שפעטער דערוווסט, האט איינער פון בונקער ניט געהאט קיין געדולד מער צו זיצן אונטער דער ערד, איז ער ארויסגעקראכן פון קוימען כאפן א ביסל לופט און זען וואס ס׳טוט זיך ארום; האבן אים די רוצחים באמערקט פון אויבן, ארומגערינגלט דעם הויף און ענדעקט דעם בונקער. זיי האבן באפוילן אלעמען זיך אונטערגעבן פרייוויליק און אזוי ארום האבן זיי אלעמען פארכאפט, א טייל האט מען גלייך אומגעבראכט און א קליינעם טייל זיי האבן אוועקגעשיקט אין די לאגערן. איך דערמאן זיך, דאס מיט אפאר טעג פריער, איידער מען האט ענדעקט זייער בונקער, האבן געפאדערט די קוימענקערערס פון די עלטערן, וועלכע זיינען געזעסן אין בונקער, אז די אלע וועלכע האבן קינדער קלענער ווי 3 יאר זאל מען זיי דערשטיקן, ווייל זיי האבן מורא געהאט, דאס צוליב א געוויין פון א קינד וועט מען געפינען דעם בונקער און אלעמען אומברענגען.

מיר זוכן א בונקער

מיין קלענסטער זון איז געווען אלט דאן 6 מאנאטן, נאר אויסער מיר זיינען געווען נאך א סך עלטערן וועלכע האבן געהאט קליינע קינדער. ס׳איז איבעריק

צו שילדערן וואס פאר א צערודערונג ביי די אומגליקלעכע עלטערן האט געשאפן די דאזיקע פאדערונג. מיין יינגעלע איז דוקא געווען זייער א שטילער און האט ניט געוויינט. נאר קיינער פון די וועלכע זיינען געווען אין בונקער זיינען ניט געווען איינשטימיק דאס איך זאל אים איבערלאזן ביי מיר אין בונקער, אלע האבן געטענעט, דאס איך בין ניט קיין גרעסערער יחסן פון אנדערע און אויך ניט מיין קינד. נאר איך האב אויף קיין פאל ניט געקאנט מאכן אזא שריט ווי מיט מיינע אייגענע הענט צו דערשטיקן דאס קינד; דערפאר האב איך מיט מיין משפחה פארלאזן דעם בונקער פון די קוימענקערערס. פון דארטן זיינען מיר אוועק און מיר האבן זיך אוועקגעלאזט אין די גאסן זוכן א באהעלטעניש, נאר ס'איז געווען צוועקלאז. קיין סך צייט איז ניט געווען. איך האב געזען, ווי מענטשן שטראמען צום ארויסגאנג אויף רודניצקער גאס. איך מיט מיין פרוי און דריי קליינע קינדערלעך שלעפן זיך ארום איבער הויפן, קעלערס און בוידעמערס, נאר מיר געפינען ניט קיין געהעריקן פלאץ, ווו צו באהאלטן אונזערע קעפ. ביז מיר זיינען אנגעקומען אויף שאוועלסקע גאס נומער 8, דארטן ווו מיר זיינען פריער געווען פארשטעקט בעת דאס גרויסע כאפעניש נאך עסטאניע. אין דעם פלאץ האבן מיר טאקע געפינען א בונקער, ווו מען האט אונז אריינגעלאזט. דער בונקער איז געווען געבויט פון דריי שטאק, אויפן דריטן שטאק איז געגאנגען א פארמאסקירטער אריינגאנג דורך א וואנט אין א זייטיקן קעלער.

ווען איך בין אריין האב איך געפינען א פול געפאקטן בונקער, ארום הונדערט מאן; צווישן זיי א סך פרויען און קינדער. די איינגעשאפט איז געווען שטיקנד. אונטן, אין קעלער, איז געווען א ביסל קילער, נאר די לופט פארשטונקען, ווייל דארטן האט זיך געפונען דער קלאזעט און יעדערער איז געקומען אהין דערליידיקן זיינע באדערפענישן, און אין דעם פלאץ האב איך געמוזט ליגן מיט מיין פאמיליע אויף דער הוילער ערד, נאר איך בין צופרידן געווען מיט דעם אויך.

„דערשטיקט די קינדער!"...

דאנערשטיק דעם 24 סעפטעמבער ביינאכט. א טויטע שטילקייט הערשט ארום; יעדער איינער האט מורא פאר זיין אייגענעם אטעם. די היץ איז גרויס, מענטשן ליגן האלב נאקעט און קוויקן זיך מיט קאלט וואסער. די לופט, א שיטערע, אן זויערשטאף, ניטא מיט וואס צו אטעמען... די קינדער וויינען ביטער. עס העלפט קיינע מיטלען מיט וואס זיי צו בארויקן: ניט מיט גוטן און

ניט מיט בייזן; זיי וויינען אן א אויפהער. ביים עולם פלאצט די געדולד. יעדערער איז נערוועז ביזן העכסטן גראד און מען האט מורא פארן נאקעטן לעבן. ס'הערן זיך פארצווייפלטע און ביטערע פאדערונגען מען זאל די קינדער דערשטיקן, אז נישט זיינען מיר אלע אין געפאר. די מאמעס ברעכן פארצווייפלט מיט די הענט און וויינען יאמערלעך: ווי אזוי קאן מען אומשולדיקע עופהלעך מיט די אייגענע הענט דערשטיקן?! נאר ס'איז צוועקלאז דאס טענען. די צערודערונג ביי די צעשראקענע מענטשן ווערט אלץ גרעסער. די קינדער ווילן ניט פארשטיין און וויינען ווי ניט מיט זייערע קולות. מען האט באשלאסן אז די עלטערן מוזן נעמען זייערע קינדער, ארויסטראגן אין א דערבייאיקן ליידיקן צימער און זיי דארט איבערלאזן.

מען קאן זיך פארשטעלן די טראגעדיע פון די פארצווייפלטע עלטערן, ווי זיי האבן מיט אייגענע הענט, דאס אייגענע קינד — זייער בלוט און פלייש — געמוזט איבערלאזן אויף הפקר, אויפן זיכערן טויט. ס'איז שווער צו אורטיילן: קיינער קען ניט באגרייפן און פארשטיין יענע גרויליקע וואנזיניקע מאמענטן, ווען אלץ איז געווען הפקר. די צייט איז קורץ געווען און ס'איז ניט געווען קיין צייט צו טראכטן. מיר האבן גענומען די קינדער און ארויס פון בונקער. און מערקווערדיק, ווי דאס קינד האט דערפילט די פרישע לופט איז ער געווארן לעבעדיק און האט אנגעפאנגען לאכן צו אונז, און מיט די אויגעלעך ארומגעזוכט ארום זיך. מיין פרוי, די פארצווייפלטע מאמע, איז געשטאנען פארגליווערט און שטום אן ווערטער. מיט א בלוטיקן הייסן שטראם פון טרערן האט זי באגאסן איר קינד און גענומען אפשייד פון אים אויף אייביק. א צייט האט נאך געדויערט ביז מען האט זיך בארואיקט. די געדאנקען זיינען געווען דארט, ווו די קינדער ליגן און וויינען: מיין קינד, א יינגעלע, א זעלטענער שיינהייט, 6 מאנאטן אלט. מיין ברודערס א יינגעלע, 1 יאר אלט, און נאך איין קינד, וואס איך ווייס ניט צו וועמען דאס האט געהערט. מיר האבן זיי איבערגעלאזט אלעמען אויף א זיכערן טויט.

מיר פאסן זיך צו...

פרייטיק דעם 25טן סעפטעמבער אין דערפרי. 100 שאטנס שוועבן ארום צווישן טויט און לעבן. 100 שאטנס ווערן געיאגט פון די מערדערס, וואס ווילן זיי פאר יעדן פרייז אומברענגען. יעדערער איז באזארגט און צעבראכן. מ'גיט זיך אפ א חשבון וואס ווייטער וועט זיין. ווי לאנג וועלן מיר קענען זיצן ווי ווערם אונטער דער ערד, אין פינצטערן קבר, אן ליכט און אן עסן? — נאר

ס׳איז קיין ברירה ניט געווען. האט מען זיך אנגעהויבן צופאסן צו די טרויעריקע באדינגונגען, כדי איבערצוקומען די צייט.

✡

דער וואס האט געהאט עלעקטרישע קאכערס, האט געקענט פאר זיך קאכן. נאר ביים גרעסטן טייל האט עס ארויסגערופן א צארן, פארוואס זיי יא און מיר ניט?! ס׳איז באשלאסן געווארן, אז קאכן זאל מען נאר פאר קינדער און אלטע לייט, ווייל די היץ און דער טשאד איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאלטן.

נאכן זיצן פארשפארט קרוב צו דריי טעג איז די לופט געווארן אזוי שטיקנד, ניט אויסצוהאלטן. די קינדער זיינען געווארן בלאס, קאפריזנע, אלע האבן געליטן פון קאפווייטאק. אין קעלער איז נאך געווען פיל ערגער. ס׳האבן זיך באוויזן גרויסע, שווארצע בלוט דורשטיקע פליגן, וואס אומעטום זיינען זיי פול געווען. אינצווישן האבן מיר אויך דאס ליכט פארלארן צוליב א קורצשלוס. די פינצטערניש האט מען ממש מיט די הענט געקענט אנטאפן. מיר האבן אנגעהויבן זוכן מיטלען, וויאזוי פטור צו ווערן פון דער פלאג. מאנכע האבן גענומען קארטאפל, געמאכט א לעכל און אריינגעגאסן א ביסל ביימל מיט א קנייטל און ס׳האט אביסל באלויכטן. טרויעריק איז געווען צו אזא ליכט און צו אזא לעבן, מענטשן זיינען געלעגן אויסגעצויגן אויף די ברעטער, אן באוועגונג, אן לעבן, אן האפנונג. דערצו איז נאך קראנק געווארן א קינד אויף לונגען־אנצינדונג. די ליידן פונעם קינד און פון די אומגליקלעכע עלטערן איז ניט צו באשרייבן. דאס קינד ליגט אין גרויס פיבער. די ליפעלעך זיינען פארברענט. ס׳רעדט פון היץ. די מוטער זיצט א פארצווייפלטע איבער זיין דאַרן, בלאסן קערפערל און באדט זיך אין בלוטיקע טרערן. זי האט אים ניט מיט וואס צו דערקוויקן, ניט קיין מעדיצין, ניט קיין ווארעם וואסער, אלע ליגן מיר אומבאוועגלעך. א שווערער זיפצן רייסט זיך ארויס פון יעדן איינעם און רייסט איבער די שטילקייט. א שוואכער שיין האט באלויכטן אונזער בונקער און פינצטערע שאטנס האבן ארומגעשוועבט איבער די ווענט. דאס קינד קרעכצט. די עלטערן ווייסן ניט וואס צו טאן. זיי זיינען פארביטערט און ווילן ליבערשט ארויס, וואס ס׳זאל ניט פאסירן. דער איבעריקער עולם האט זיי אבער אפגעהאלטן פונעם געפערלעכן טריט.

איך פערזענלעך האב אויפגעפאדערט דעם אומגליקלעכן עולם, אז ס׳האט קיין זין אונזער ליידן, ווער ווייס ווי לאנג, מיר וועלן נאך דארפן דא זיצן,

מען מוז זען א מיטל. פרובירן ארויסגיין זען צי ס׳געפינען זיך נאך יידן אין שטאט. אויך מוז מען דאס ליכט פאריכטן און אויפמאכן דאס טירל, ס׳זאל אריין אביסל פרישע לופט, אז ניט — קומען מיר דא סייווי אום.

זונטיק ביינאכט האבן מיר ריזיקירט און מען האט אויפגעמאכט דאס טירל. א שטראם פון פרישער, קילער לופט האט אונז דערקוויקט און פארשיכורט. מיר זיינען געשטאנען און געשלונגען די פרישע לופט. אלע זיינען אויפגעלעבט געווארן און געקראגן אן אנדער אויסזען. מיר האבן געשלונגען די לופט, ווי א פרישן קוואל וואסער. א קיל ווינטעלע האט זיך אריינגעריסן צו אונז און א גרויסע שטיקנדע היץ האט זיך געשפארט פון אונזער בונקער אויף צוריק. מער דרייסטערע, זיינען ארויסגעקראכן פון בונקער, אריין אין די דערבייאיקע צימערן. ס׳איז געווארן באקוועמער און פרייער. די נאכט איז געווען איינגעהילט אין א דיקער פינצטערניש. מיר האבן פאריכט דאס ליכט און פטור געווארן פון דער פינצטערניש, וואס האט אנגעהאלטן גאנצע 3 טעג. גאר אן אנדער אויסזען האט באקומען אונזער געזינדל. די קינדער האבן זיך געפרייט מיט דער ליכטיקייט.

מיר האבן פארווערט צו קאכן אויף שטראם און פון יענעם טאג אן האט מען יעדע נאכט דערלויבט זיך צו מאכן פייער אין דערבייאיקן צימער. יעדערער האט געקאכט, וואס ער האט געהאט און מיר זיינען ממש אויפגעלעבט געווארן. מען האט זיך אויך דערלויבט גיין אין אנדערע, ווייטערע צימערן. מען האט פיל שפייז אויפגעזוכט און זאכן, וואס האבן אונז געקענט צונוצקומען. איך האב געפונען א קאסטבארע ביבליאטעק, מיט זעלטענע ביכער און קליין תורהלע, א זעלטנהייט. איך האב זי אויך געהאט אין לאגער און וויאזוי איך האב זי פארלארן, ווייס איך נישט. גאנצע נעכט האב איך געלייענט און פארטריבן די צייט.

אזוי צוביסלעך האבן זיך די בונקער־מענטשן צוגעוווינט צו די ביטערע באדינגונגען. מען האט אנגעהויבן פירן א נאכט־לעבן. פארטאג, ווען די גאנצע וועלט איז געווארן וואך, האבן מיר זיך געלייגט שלאפן, און אז ס׳איז געווארן שפעט אין דער נאכט, האט זיך פאר אונז אנגעהויבן דאס לעבן. מיר האבן זיך אמזיכערסטן געפילט, ווען די פארשאלטענע מענטשן זיינען געשלאפן. די מענער האבן באזארגט האלץ, שפייז — די פרויען האבן געקאכט און אזוי האט זיך געשלעפט די טרויעריקע צייט. אפגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, האבן מיר פארגעסן, ווי ס׳זעט אויס דאס טאג־ליכט און ניט געוווסט, וואס ארום אונז קומט פאר.

א טויט־קלאפ

דינסטיק דעם 29־טן סעפטעמבער 1943. גאר אומגעריכט האט אונז געטראפן א טויט־קלאפ. מיר פארלירן אונזער וויכטיקן חיות — דאס וואסער. ווי מיר האבן דאס באמערקט, זיינען מיר אלע געבליבן ווי פארשטיינערט. וואסער! וואסער! מיר קענען אן דעם ניט לעבן. וואס בלייבט אונז איצטער טאן? נאר דאס איינציקע זיך איבערצוגעבן די מערדער אין די הענט. צעטומלט, באזארגט פון גרויס עגמת־נפש האבן מיר זיך באראטן וואס צו טאן. ווי גרויס אונזער שרעק זאל ניט זיין, איז מען געפאלן אויף אן עצה. ווי ס׳איז צוגעפאלן די נאכט האט יעדער גענומען קאמבינירן, ווו צו קריגן א ביסל וואסער, צו שטילן דעם דורשט. אייניקע מער דרייסטערע זיינען ארויס איבער די צימערן, קלאזעטן, טיי־הייזער, איבעראל געזוכט און גענישטערט. מאנכע האבן וואס מיטגעבראכט. ס׳איז באשלאסן געווארן, אז מען וועט מוזן ארונטערגיין אויפן הויף אויפצוזוכן דעם קראן, וואס איז באשטימט פארשלאסן געווארן. נאר דא האט זיך קיינער ניט געפונען, וואס זאל זיך איינשטעלן ארונטערצוגיין אויפן הויף. איינער האט געשיקט דעם צווייטן. איך האב זיך אנגעגעבן אלס פרייוויליקער און האב געפאדערט נאך א מענטש צו מיר. לאנג האט מען געמוזט זיך אמפערן און רעדן, ס׳האט זיך געפונען א מוטיקע פרוי, וועלכע האט געזאגט, אז זי גייט מיט מיר. לאנגזאם, פארזיכטיק, ווי די גרעסטע פארברעכער, וואס גייען אפטאן א געפערלעך שטיקל ארבעט, האבן מיר זיך בארוועסע, אויף די שפיץ פינגער, ארויסגעכאפט אויפן הויף. מיר האבן געזוכט, געטאפט אין דער פינצטער, ביז איך האב אנדעקט אן אייזערן טירל, טיף אונטער דער ערד. נאר ליידער, האבן די מערדער אפגעשלאסן דאס גאנצע וואסער. און מיר האבן זיך אומגעקערט מיט גארנישט.

אויף יעדן האט די טרויעריקע ווירקלעכקייט געמאכט א גרויסן איינדרוק. אלע זיינען געשטאנען ווי געליימט און ניט געוווסט, וואס מען הויבט אן צו טאן. איך האב אויסגעדריקט א מיינונג, אז די מורא איז אן איבערטריבענע, מען זעט נישט און מען הערט נישט קיין זאך.

✶

אין געטא זיינען געווען צוויי ערטער, ווו מען האט געקענט קריגן וואסער. אין באד אויף סטראשונא גאס און אין א צווייטן הויף — פון א פלומפ. מער

דרייסטערע זיינען אוועק מיט עמערס און געפונען פרישע און קאלטע וואסער. אלע האבן זיי אזוי בלוטיק מקנא געווען מיטן דאזיקן אוצר.

אזוי לאנגזאם האט זיך יעדער איינער גענומען באזארגן מיט וואסער און אזוי האבן מיר געלייזט דאס שווערסטע פראבלעם.

א דאנק אונזער ווילן צום לעבן האבן מיר זיך דערלויבט צו גיין איבערן געטא זוכן שפייז און ס׳איז אונז געלונגען ווירקלעך אנצוגרייטן אויף א לענגערע צייט צום עסן. מיר האבן געפונען פארשידענע פראדוקטן, ווי קארטאפל, ריבן, קרויט און אנדערע פראדוקטן, גלייכצייטיק האבן מיר זיך געטראפןביים וואסער מיט מענטשן פון אנדערע בונקערס. זיי איז געגאנגען גענוי ווי אונז. מיר האבן זיך דערוווסט, אז מען קאכט און מען באקט, אפילו ברויט. מיר האבן זיך דערוווסט, אז צוליב אומפארזיכטיקייט איז אפגעברענט געווארן א הויז אין געטא. דער עולם איז געווען זיכער, אז מיר וועלן איבערלעבן די טרויעריקע צייט. מיר האבן נאך אלץ נישט פארשטאנען ווי ראפינירט אונזערע שונאים זיינען געווען. וואס פאר א געמיינע איינפאלן זיי וועגדן אן קעגן אונז. זיי האבן גאנץ גוט געוווסט, אז מיטן אוועקנעמען דאס וואסער, וועלן מיר מוזן ארויס פון די לעכער. און אזוי איז טאקע געווען: ביים וואסער נעמען האבן זיי אויף אונז געלויערט.

אלע נאכט, אין דער באשטימער צייט, זיינען געקומען די ליטווישע און פוילישע מערדער איבערגעטאן אין ציוויל און האבן מיט אונז פארפירט פארשי־דענע געשפרעכן, פארגעלייגט ברויט צו פארקויפן, מאנכע האבן אונז צוגעזאגט ארויספירן פון געטא. אזוי ארום האבן זיי אלץ אויסגעשפיאנירט און צומארגנס זיינען זיי געקומען אויף דיזעלבע ערטער, צעאקערט יעדעס ווינקעלע, אויפגעדעקט בונקערס און דערמארדעט אלע מענטשן.

איך גיי זוכן יידן...

מיטוואך האב איך באשלאסן ארונטערגיין אויף דייטשער גאס אין דער מעלינע פון די קוימענקערערס, געוואר ווערן, ווו מיר האלטן אין דער וועלט. צי עס זיינען נאך ערגעץ פאראן יידן און אויך אויב ס׳איז דא א געלעגנהייט זיך צו ראטעווען. קוים מיט מי איז מיר געלונגען אויפזוכן צו מיר איינעם, וואס זאל מיט מיר מיטגיין. מיט גרויסע שוועריקייטן און זייער פארזיכטיק האבן מיר אדורכגעמאכט דאס שטיקל וועג, ווייל יעדער ניט זיכערער טראט האט אונז געקענט אומגליקלעך מאכן. אז מיר זיינען שוין געווען אויפן הויף, האבן

מיר מיטאמאל דערהערט הינטער אונז שווערע טריט. מיר האבן קוים באוויזן ארויפצוקריכן אויף א בוידעם. ערשט מיר זעען שוין ווי צוויי פארשוינען זוכן אונז ארום מיט טאשן־לעמפלעך און זיינען אין כעס, אז מיר זיינען פארשוונדן, ווי אין וואסער אריין.

אויף די קני האב איך זיך צוגעשארט צום קוימען. איך האב געוווסט די עפנונג, איך האב דערטאפט א שטריק, און פרובירט ציען, רייסן, און רופן, נאר קיינער האט זיך ניט אפגערופן. איך האב אבער דערשפירט ווי די שטריק ווערט מיט אלע קרעפטן געריסן פון מיר ביז זיי האבן איר איבערגעריסן. מיר זיינען נאך געבליבן אפאר שעה ליגן אויפן בוידעם, געווארט ביז ס'וועט ווערן שטיל. און מיט גרויס שרעק זיינען מיר אוועק צוריק. איך האב שוין פארזאגט, אז מער וועל איך ניט אונטערנעמען אזא שליחות. א געהיימניש איז דאך פאר מיר געבליבן דאס רייסן פון מיר די שטריק, ווייל, ווי געזאגט, האט מען זיי גלייך אויף מארגן נאך דער אקציע געכאפט און א גרויסן טייל אומגעבראכט.

✶

דאנערשטיק אוונט האט מען זיך געגרייט צו יום־כיפור, ווייל פרייטיק פארנאכט דארף מען זיך פארפאסטן. האט מען דעריבער היינט ביינאכט אזוי פיבערהאפט צוגעגרייט שפייז צום מארגנדיקן טאג. איך געדיינק נאך גוט דעם טרויעריקן מאמענט, ווי ס'האט אויסגעזען דער יום־טוב אונטער דער ערד. די קינדערלעך זיינען ארומגעלאפן צופרידענע איבערן צימער און זיך געפרייט, אז מארגן וועלן זיי האבן בעסערס צום עסן. אפילו א צימעס האט מיין פרוי געמאכט. אזוי איז מען געווען פארנומען א גאנצע נאכט מיט דער אכילה. די מענער האבן אלץ באזארגט, וואסער געבראכט, די ווייבער זיינען פארטאן געווען ביים אויוון און קיינעם איז ניט איינגעפאלן, אז אפשר איז דאס די לעצטע נאכט פאר אונז אלעמען. די קינדער האבן געפאדערט עסן, נאר מען האט זיי צוגעזאגט, אז מארגן וועלן זיי באקומען גוטע זאכן. ווער מען האט געקענט איינפאלן, אז מען וועט דאס נישט דערלעבן צו עסן.

עטדעקט דעם בונקער!

ווי עס איז געקומען פרייטיק ערב יום כפור, פארטאג, איז געגעבן געווארן א צייכן, אז אלע זאלן אריין אין בונקער. יעדערער האט זיך גענומען שארן אויפן בויך דורך דעם טירל מיט די הייסע, פארטיקע מאכלים. ס'איז

פאריגלט געווארן דאס שווערע, אייזערנע טירל און מיר האבן זיך געלייגט שלאפן.

ווען איך בין נאך געשלאפן, האט מיין פרוי מיך אויפגעריסן פון שלאף. זי איז נעבן מיר געשטאנען, בלייך ווי די וואנט, טויט צעשראקן, אז יעדער גליד האט אין איר געציטערט. „שטיי אויף! א שרעקלעך אומגליק האט פאסירט מיט אונז, דער בונקער איז אנדעקט געווארן". א צעשראקענער פון די פלוצלונדיקע נייעס, בין איך אויפגעשפרונגען פון מיין געלעגער, זען וואס קומט דא פאר. איך בין ארויף אויפן דריטן שטאק. דארט האב איך שוין געפונען אלעמען אין א שרעקלעכער צערודערונג. די ווייבער וויינען און קלאגן, רופן זייערע קינדער און זוכן זייערע פעקלעך. די קינדער האבן זיך געכאפט אין וואס פאר א געפאר זיי געפינען זיך. האבן זיי זיך געקלאמערט אין זייערע מאמעס. די מענער זיינען געשטאנען פארצווייפלט און געקלערט, וואס צו טאן. די מערדער שטייען אין זייטיקן צימער אוןווארטן אויף זייערע קרבנות. זיי פאדערן, אז מיר זאלן זיך אונטערגעבן, אז ניט וועלן זיי אויפרייסן דעם בונקער. איך האב געפרוווט אויפברעכן א וואנט אין קעלער, וואס האט געפירט אין א קלאזעט, נאר ס'איז געווען צוועקלאז, ווייל מיר זיינען פון אלע זייטן געווארן ארומגערינגלט מיט ליטווינער, פאלאקן, אוקראינער און דייטשע ס.ס. לייט.

לאנג האט מען זיך ניט איבערלייגט. מיר האבן זיך אונטערגעגעבן. דאס טירל איז אויפגעמאכט געווארן און 2 ס.ס.־מענער זיינען אריין און גענומען טרייבן וואס שנעלער. „לאוס! לאוס! מאכט איר זאלט הערויס קאמען". איך האב זיך נאך פרובירט פארשטעקן אונטער א בעט צווישן קארטאפל. ווען אלע האבן פארלאזן דעם בונקער איז נאך אריין אן אוקראינער און ארומגעזוכט אויך צווישן בעט. ער האט אייניקע מאל אויסגעשאסן אונטערן בעט, נאר צום גליק אין אן אנדער ריכטונג. איך האב זיך דערשראקן און איך בין אליין ארויס. ער האט מיר נאך אפאר מאל דערלאנגט מיט דער ביקס און געטריבן מיך צו דער קאמפאניע.

גייענדיק האב איך נישט אויפגעגעבן די האפנונג. כסדר געקוקט וויאזוי זיך ארויסצודרייען פון די מערדערס הענט. אויסנוצנדיק די איינגשאפט ווען מען האט אונז געפירט פון דריטן שטאק איבער שמאלע טרעפ, האב איך זיך שנעל ווי מעגלעך ארייגעכאפט אין א זייטיק צימער און זיך פארשטעקט צווישן מעבל, וואס זיינען דארט געווען אנגעווארפן. אזוי בין איך אריין

אין א קליינעם בופעט, אפגעלעגן דארט פון 10 אזייגער ביז 10 ביינאכט צוזאמענגעדרייט ווי א ווארעם. איך האב געציטערט פאר מיין אייגענעם אטעם, נישט געקענט זיך רירן נישט זיך אומדרייען. מיינע גלידער האב איך איבערהויפט ניט געשפירט. די צייט האט זיך פאר מיר געצויגן ווי אן אייביקייט. שווערע געדאנקען האבן מיך געפייניקט. די ווונד איז נאך געווען פריש, ווי מען האט פארכאפט מיין פרוי מיט די קינדער און אוועקגעפירט צום טויט.

אין צימער זיינען שפעטער געקומען א גרופע פאלאקן, אויפרוימען די מעבל. איך בין געלעגן צוזאמענגעדרייט און שטיל געבעטן גאט, ער זאל מיך באשיצן, ווייל יעדע מינוט האבן זיי מיך געקענט געפינען. אומעטום זיינען זיי ארומגעקראכן און געגישטערט. איך האב דייטלעך געהערט, ווי זיי געפינען מיט גרויס שמחה ווערטפולע זאכן און מיט וואס פארא פרייד זיי טוען דאס און מיט וואס פארא שמחה זיי רייבן אזוי גיריק. איך האב געהערט, ווי איינער זאגט צום אנדערן: „הער, וואס וואלטן מיר געמאכט, ווען מיר געפינען דא אַן ייד?" דער מערדער האט געענטפערט: „ווען מיר געפינען א היגן ייד, וועלן מיר איבערגעבן גלייך צו דער געסטאפא!"

אט אין אזא צושטאנד האב איך געמוזט דורכמאכן 12 שעה, יעדע מינוט בין איך געווען אויסגעשטעלט אויף א לעבנס־געפאר.

פלוצלונג בין איך ווי פארשטיינערט געווארן. איך שפיר אפאר טריט פון מיר, ווי א פאלאק נישטערט ארום. ער מאכט אויף יעדעס טירל און זוכט. איך האב מיינע אויגן פעסט צוגעדריקט, אז איך זאל קיין זאך מער נישט זען. די ציין האב איך פעסט צוזאמענגעדריקט אוןווארט מיט וואס פארא שמחה זיי וועלן מיך באלד ארויסשלעפן. איך האב זיך נאך מער צוזאמענגעדריקט און פארוקט זיך אין א ווינקעלע. דאס הארץ האט פעסט גענומען קלאפן. דאס בלוט זידן און אין קאפ רוישן. א תפילה האבן מיינע ליפן געשעפטשעט און א קאלטער שווייס האט מיך באגאסן. באלד קומט מיין ריי נאר מיט איינמאל, ער האט נאך ניט באוויזן צוגיין צו מיין טירל, האט זיך דערהערט א שטימע „אביאד" (מיטאג)! און אלע זיינען פארשוווּנדן געווארן פון צימער. דעמאלט האב איך עטוואס פרייער אפגעאטעמט און אויסגעגלייכט די גלידער. ווען איך בין געקומען צו זיך, האבן מיך ווידער אנגעהויבן פייניקן די געדאנקען וועגן אלע אומגליקלעכע, וואס מען וועט זיי באלד אומברענגען. דאס הארץ פלאצט פאר אויפרעגונג. נאר איך פרוביר זיך אליין טרייסטן, אז איך ווייס נישט, וואס מיט

מיר וועט נאך אלץ געשען. איך נעם זיך פעסט צונויף, אז איך זאל זיך ניט פארלירן, ווייל עס שטייט מיר נאך פיל פאר.

✶

ווען ס'איז גוט פינצטער געווארן האב איך פארלאזן מ׳ין שרעקלעכן און ניט זיכערן ארט און אוועק זוכן א באהעלטעניש. נאר דא האט זיך פאר מיר ווידער אנגעהויבן א מארטירער וועג: וווהין גייט מען און ווו זוכט מען? א צעבראכענער, א פארפאלגטער בין איך ארומגעגאנגען איבער די שטילע, פינצטערע געטא גאסן זוכן א באהעלטעניש. לאנג האב איך געמוזט ארומזוכן און ארום־דרייען זיך איבער די הויפן, ליידיקע צימערן און קעלערס, נאר קיין פאסיקן ארט האב איך ניט געפונען.


אומעטום און פון יעדער ווינקעלע האט אויף מיר געלויערט דער טויט. יעדן טריט, וועלכן איך האב געמאכט, האט געקענט באשטימען מיין גורל אויף אייביק. די פוילישע, ליטווישע און אוקראינישע פארברעכערס, צוזאמען מיט די דייטשן, פלעגן זיך פארבאהאלטן אין די חורבות און האבן געזוכט און גענישטערט צו כאפן יידן, אויב עמעצער איז נאך פארבליבן און באהאלט זיך אויס פון זייערע הענט.

✶

מיט דעם האבן זיך נאך מיינע צרות ניט געענדיקט. אויסער געטא־ווילנא בין איך נאך דורכגעגאנגען אלע שבעה מדורי גיהינום אויך אין דייטשלאנד גופא — ביז כ׳האב דערלעבט צו זען די באפרייאונג.

יצחק טשערנאצקי
כפר אביב

אין ווייטיק פון נאך דער באפרייאונג



1944. מיר זיינען ערשט, ווי די מייז, פון די לעכער ארויסגעקראכן, און מיט די הענט האבן מיר זיך די אויגן פארשטעלט פון דער שיין. ווי די שאטנס אויף די ווענט האבן מיר זיך געוויאקלט און די גלייכגעוויכט נישט געקאנט געפינען. דער טויט איז נאך אונזער בעסטער חבר געווען און ער האט אונז גארנישט פארזעען... במשך פון דריי יאר מלחמה האט ער זיין ארבעט געמאכט און אונז האט ער עלנטע, ווי שטיינער, איי־בערגעלאזט. אונזערע אלע נאנטסטע האט ער אויף יענער־וועלט פארטריבן. נאר ווו־ניט־ווו איז פון אונז א זכר געבליבן. נאר אפילו די עטלעכע האבן די שונאים די אויגן געשטאכן. מיט א בליק פון רציחה האבן זיי אויף אונז געקוקט און אונזערע טריט געבערענט. זיי האבן זיך געפרעסן און אונז נישט געקענט מוחל זיין אונזער „חוצפה", וואס מיר זיינען לעבן געבליבן...


ס'איז זיי, נעבעך, מיט אונז ניט היימליך געווען דערפאר, וואס מיר זיינען ארומגעגאנגען לעבעדיקע עדות און געוווסט פון אלע זייערע „מעשים טובים", וואס זיי האבן געמאכט מיט די יידן אין דער מלחמה צייט. אונזערע צוגע־רויבטע זאכן, וועלכע זיי האבן געטראגן, זיינען זיי פלוצלונג איינג געווארן, ווען זיי האבן אונז דערזעען. און דערפאר, טאקע, האבן זיי געוואלט וואס שנעלער פון אונז פטור ווערן.

און מיר, פארצארנטע פון אונזער אומגליק, האבן א פלאץ געזוכט, ווו א נאכט איבערנעכטיקן און אוועקלייגן אונזער מידן קאפ. מיר האבן זיך ווי קעץ געטוליעט צו יעדן איינעם, וועלכער האט מיט אונז מיטלייד געהאט. און אזוי האבן מיר זיך איבער די דערפער געשלעפט, אפשר וועלן מיר א גוטן גוי געפינען; דאס איז, אבער, זייער שווער געווען.

אונזערע טרויעריקע איבערלעבונגען, וועלכע זיינען נאך פריש געווען, האבן אונז קיין גרויס האפענונג ניט געגעבן. נאר, ליידער, האבן מיר קיין ברירה ניט געהאט, ווייל פון אונזערע היימען זיינען נאר חורבות און אש פארבליבן. און יעדען טאג, וואס איז פארביי, האבן מיר זיך אליין אן ענטפער געמוזט געבן אויף דער פראגע: „און וואס וועט ווייטער זיין ?...״

✶

כ׳האב געזוכט ארבעט. בין איך אזוי אנגעקומען אין דארף קופע, דריי קילאמעטער ווייט פון קאבילניק. דער דארף איז מיר גוט באקאנט געווען. ער געפינט זיך הארט ביים ברעג נאראטש, די אזיערע אין וועלכער כ׳פלעג זיך זומער באדן און שווימען. ביינאכט פלעגן מיר רודערן מיט שיפלעך אויפן שטילן וואסער, אין שיין פון דער לבנה. דאן זיינען מיר נאך נאאיוו געווען און נישט געוואוסט, וואס ס׳שטייט אונז פאר הינטער דער פלייצע. נאר יעצט, ווען כ׳בין געשטאנען ב״ים ברעג און זיך דערמאנט די פארגאנגענע צייטן, האב איך שוין גענוג דערפארונג געהאט און געוואוסט, אז מיין גורל איז אן סענטימענטן און אן זיסע חלומות.



מקובילניק בואך מיאדל. אויפן וועג פון קאבילניק קיין מיאדל.

צופעליק האב איך געטראפן אין דארף א באקאנטן גוי — אנטון באלוווקע — וועלכער האט מיך פריינדלעך אויפגענומען ביי אים אין שטוב, צו וועלכען כ׳בין שוין נישט געווען געווינט. ער האט מיר פארגעלייגט, דאס איך זאל בלייבן ביי אים און ער וועט מיר פארזארגן מיט ארבעט. ווי איך האב זיך שפעטער דערוווסט, האט ער אין צייט פון דער מלחמה אנגעהאלטן א קאָנטאַקט מיט די רוסישע פארטיזאנער, וועלכע האבן זיך געפונען אין דעם געגנט, און ער פלעגט זיי אין געהיים צוטראגן ידיעות וועגן די דייטשן. נאכן קריג האבן די סאוויעטן אים צוגעזען און ער איז געווארן, צוליב דעם, דער גאנצער בעל־בית און לייטער פון דער קאנסערווו פאבריק פון געריכעטע פיש, וועלכע האט זיך געפונען אין קופע ביים נאראטש. ער, וויסענדיק אז איך בין א ייד, האט זיך געניטיקט אין מיין צוטרוי. וויסנדיק דאס איך וועל אים ניט פאראטן, האט ער מיר געגעבן אן ארבעט צו זיין דער פאראנטווארטלעכער אויף היטן די פאבריק. מיר האבן באקומען פון קריגס־קאמיסאריאט ביקסן און אויך א מאשין געווער, און איך מיט נאך עטלעכע מענטשן האבן געמוזט די פאבריק היטן ביי טאג און ביינאכט. איך בין געווארן דער זיכערהייטס אפיציר אויף דער פאבריק.

✶

טראָץ דעם וואס די סאוויעטן האבן באפרייט דעם געגנט און האבן איינגעשטעלט די מאכט, האבן זיך, אבער, נאך געפונען פארשיידענע באנדעס אין די וועלדער, וועלכע פלעגן מאכן איבערפאלן אויף די סאוויעטן און אויף יידן איבערהויפט. געווען זיינען דאס א צוזאמענשטעל פון פארשיידענע באנדיטן, וועלכע האבן מיט א קורצע צייט פריער מיטגעארבעט מיט די דייטשן און האבן געטראגן אויף זייער געוויסן הונדערטער מארדן און איבערפאלן. און דערפאר האבן זיי מורא געהאט זיך צוריקערן אין די דערפער, ווייל טאמער וועלן די סאוויעטן זיי אויפדעקן און דורכפירן קעגן זיי אן אורטייל; איז זיי ליבערשט געווען זיך געפינען אין די וועלדער און מאכן פארשיידענע איבערפאלן. אנדערע פון זיי זיינען אויך געווען דעזערטירער פון דער רויטער ארמיי און זיי האבן געוווסט מיט וואס דאס שמעקט... מען האט זיי גערופן דער „גרינער לעגיאָן“ און זיי האבן צו יענער צייט געבושעוועט אין דעם גאנצן געגנט, און די זיכערהייטסס לאגע איז געווען רואינירט.

איך בין געווען צופרידן מיט מיין ארבעט, נאר שטענדיק האב איך געמוזט זיין אויסגעשטעלט אויף איבערפאלן פון דרויסן. אויך בין איך נישט שטענדיק געווען אינגאנצן זיכער מיט די אייגענע חברים, מיט וועלכע כ׳האב

געארבעט צוזאמען, אז ביי זיי זאל נישט „צופעליק" ארויסלויפן א קויל פון זייער ביקס אין מיין ריכטונג; האב איך שטענדיק געמוזט זיין וואכזאם און שלאפן מיט אפענע אויגן... און אין דער דאזיקער צייט, געדיינק איך, איז געקומען צו מיר א געוויסן טאג דער פירער פון דער פאבריק, דער באקאנטער בולוווקע, און האט מיר באפוילן, דאס איך, צוזאמען מיט אים, מוזן איבערפירן א טראנספארט פון געריכערט פיש קיין מאלאדעטשנע און דאס צושטעלן צום ארטיקן פיש קאָאָפּעראטיוו. דאס איז ארויסגעקומען א מהלך פון 80 ק"מ פון קאבילניק. מיר האבן דעם זעלבן טאג זיך געלאזט אין וועג אריין — און דאס איז געווען מיין גרעסטער גליק, וועלכער האט מיט מיר דאן געטראפן. צומארגנס ווען איך בין צוריקגעקומען האב איך זיך דערוווּסט נייעס, פון וועלכע ס'איז מיר געווארן טרויעריק אויף דער נשמה, און געווען איז אזוי: דעם זעלבן טאג ווען מיר זיינען אוועקגעפארן, איז אין אוונט געשען אן איבערפאל אויף דער פאבריק און א שטארקע איבערשיסונג און פייער. די באנדיטן, וועלכע האבן זיך אריינגעריסן אין דער פאבריק, האבן אוועקגערויבט דאס געווער ביי די פויערים און האבן פון זיי געפאדערט, דאס מען זאל מיך איבערגעבן זיי אין די הענט, ווייל זיי זוכן מיר שוין לאנג ארום. זיי ווילן וויסן ווו איך געפין זיך און ווילן מיר מאכן „מיט א קאפ קירצער". אזוי ארום האב איך זיך דערוווּסט, אז די גאנצע „שמחה" איז געווען געמאכט פאר מיינעט־וועגן, און ווי ס'ווייזט, האב איך זיי אויסגעפעלט צום צעטל פון דערמארדעטע יידן, וועלכע זיי האבן אומגעבראכט אין דער מלחמה.

*

נאך דעם פאל האב איך גאנצע נעכט געטראכט און ביסלעכווייז האט אנגעהויבן עקבערן ביי מיר אין מוח דער געדאנק, דאס איך בין דארטן אינגאנצן איבעריק, און וואס איז מיר איבערהויפט דארטן פארבליבן צו זוכן צווישן די גויים. פארטאג, ווען איך האב א קוק געטאן, ווו די זון גייט אויף, האב איך שוין געוווּסט, ווו א הין איך דארף מיין בליק ווענדן און שטרעבן צו דערגרייכן. אהין, ווי ווייט דער מרחק זאל ניט זיין...

שפעטער האב איך נאך א געוויסע צייט זיך פארנומען אויך מיט אנדערע באשעפטיקונגען ביז איך האב אלע גליקן פארלאזן און איך בין געקומען אין ישראל צו זיין א פרייער יידישער פויער.

אינזש' מאיר סווירסקי

אין טעג פון באפרייען קאבילניק

שוין מער ווי א יאר, ווי איך געפין זיך אין סטאלינגראד, וואס אויפן ברעג פון דער וואלגע. אלץ מער און מער ווערט קלאר, אז ס'דערנענטערט זיך דער טאג, ווען די היטלעריסטישע בעסטיעס וועלן פולקאם באזיגט ווערן.

סטאלינגראד, וואס איז געבליבן א סימבאל פון העלדישן ווידערשטאנד קעגן די דייטשן, שטייט אויף צוביסלעך פון איר חורבן; איך בין צווישן די אויפשטעלער פון סטאלינגראדער טראקטארן פאבריק און דא נישט לאנג האט די פאבריק געפייערט דעם ארויסלאז פון ערשטן טראקטאר...

זייט זייער מפלה ביי סטאלינגראד זיינען די דייטשן ווייט פארטריבן געווארן אויף מערב. פון טאג צו טאג זאגט אן דער ראדיא וועגן נייע נצחונות, נייע באפרייטע שטעט און געגנטן — די רויטע ארמיי גייט פארויס! דער ראדיא דערציילט אויך וועגן די דייטשישע בלוטיקע מעשים און דעם חורבן, וואס זיי האבן איבערגעלאזט אין די באפרייטע ערטער. די צייטונגען ברענגען רמזים, וועגן דעם, וואס איך אליין בין געווען אן עדות דערפון מיט 2 יאר צוריק, אז ס'זיינען שוין נישטא מער קיין יידן אין די באפרייטע שטעט און שטעטלעך, דער נאצי־צורר האט אלעמען פארניכטעט און אויסגעשאכטן.

ס'איז אדורכגעריסן געווארן דער ווייסרוסישער־פראנט. איך הער מיט א פארכאפטן אטעם יעדע ידיעה פון דארט. די רויטע ארמיי שלאגט אפ אין בלוטיקע קאמפן אלץ נייע געגנטן. יעדער נאמען פון א באפרייט שטעטל, דערוועקט אזויפיל זכרונות און האפענונגען; ס'איז שוין נישט ווייט דער טאג ווען מיין געבורט־שטעטעלע קאבילניק וועט אויך באפרייט ווערן.

★

צוויי לאנגע יארן האב איך געווארט מיט א פארוואונדעט הארץ — ווען נאר א פונק פון האפנונג האלט מיר אויף: אפשר איז דאך ווער פון מיינע טייערסטע געבליבן לעבן? און אט דערנענטערט זיך דער טאג ווען איך וועל אפשר מוזן שטיין אנטקעגן דער ביטערער ווירקליכקייט און דער פונק פון האפנונג וועט אויך אויסגעלאשן ווערן. ווי אזוי וועל איך קענען לעבן? מער ווי פריער

בין איך איינזאם און זייער טרויעריק אין די דאזיקע טעג. צי וועט באשטעטיקט ווערן דאס, וואס איך האב מורא ארויפברענגען אויף מיינע ליפן, און איך וועל בלייבן א עלענטער אויף דער וועלט?

איינס נאכן אנדערן שטייען אויף פאר מיינע אויגן די הארציק־טייערע געשטאלטן פון מיין אזוי ליבער היים: די עלטערן, שוועסטער און ברידער, פריינט און חברים. איך זע זיי אלעמען לעבעדיקע, פריילעכע און גליקלעכע מיטן גרויסן ניצחון איבער אונזערע בלוטיקע שונאים... די חלומות דויערן אבער נישט לאנג, איך געפין ניט קיין אנהאנג פאר זיי; צופיל האב איך געזען מיט מיינע אויגן אין איין יאר די ריינע ארבעט פון די מערדער, און ס'איז ניטא קיין ארט פאר אילוזיעס... און דאך זיינען זיי פאראן, דאס הארץ האפט, איך וויל זיי ניט פארטרייבן; אן זיי בלייבט נאר א שווארצער אפגרונט.

מיינע געדאנקען ברייגנגען מיר צוריק צו דעם טאג אין אויגוסט 1942, ווען איך האב זיך געשיידט פון קאבילניק און מער גארנישט געהערט פון מיין משפחה און די 200 יידישע נפשות, וואס זיינען נאך דעמאלט געווען ביים לעבן...

✶

קאבילניק האט דאמאלס געקראגן א באפעל צו שיקן 6 יידן קיין מיאדל אלס צוגאב צו די קאבילניקער יידן, וואס זיינען שוין פריער אהין געשיקט געווארן אויף ארבעט. כאטש ס'איז געווען באוווסט, אז אין מיאדל ארבעט מען ווירקלעך, איז ניט געווען קיין צווייפל, אז נאכן פארענדיקן די ארבעט וועט קיינער צוריק ניט קומען.

דאס מאקסימום וואס קאבילניק האט געקענט שיקן זיינען געווען 4 מענטשן, צווישן זיי מיין טאטע דוד־לייב סווירסקי, א טאטע פון 6 קליינע קינדער. מיט גרויס מי האט מען געפועלט ביים בירגערמייסטער, ער זאל שיקן נאר 4 יידן און זאגן, אז ער האט נישט מער וועמען צו שיקן, ווי אזוי די דייטשן וועלן די זאך אויפנעמען האט קיינער ני טגעוווסט.

אלע 4 זיינען געפאקט צום פארן, די פור איז גרייט, אין שטוב טרויער; די מאמע דארף בלייבן מיט אירע קליינע קינדער אליין, אחוץ טויט־שרעק ווארט אונז א זיכערער הונגער... איך לייג פאר דעם יידישן קאמיטעט צו פארן אנשטאט מיין טאטן. מיט גרויס מי געלינגט מיר זיי צו איבערצייגן, אז איך זע אויס עלטער ווי מיינע 14 יאר און מיט מיין דערפארונג פון א יאר שווערע ארבעט

וועל איך נישט אפשטיין פון די גרויסע; איך באקום זייער איינשטימונג און בין גליקליך וואס דער טאטע בלייבט אין שטוב...

*

ס׳איז אפילו נישטא קיין צייט צום געזעגענען זיך; מיין ברודער הערצל איז נישטא אין שטוב; מאמע גיט מיר מיינע תפילין מיט א תנ״ך און געזעגנט זיך מיט מיר מיט א צובראכן הארץ; דער טאטע בענטשט מיך — גאט זאל מיך היטן און הייסט מיך זיך אליין אויך היטן. זיין עיקר אנזאג: „ביי דער ערשטער געלעגנהייט לויף, מיין קינד, אין וואלד; היטלער וועט אונטערגיין, ס׳איז נאר א פראגע פון צייט. מיר מיט קליינע קינדער האבן קיין האפנונג נישט צו בלייבן, זאל כאטש איינער פון אונז בלייבן, פארגעס נישט צו זאגן קדיש״... איך קוש מיינע קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך און איך בין שוין אויפן פור.

אין מיאדלער גאס, ביים ארויספארן פון שטעטל, יאגט מיך אן מיין יונגערער ברודער הערצל, ער שפרינגט ארויף צו מיר אויפן פור, מיר געזעגענען זיך, מיר קענען זיך נישט אנזעטיקן פון קוקן איינער אויפן צווייטן. מיר, די צוויי באליבטע ברידער־חברים, באשליסן, אז מיר וועלן נישט גיין ווי שאף צו דער שחיטה; מיר וועלן אנטלויפן. מיר ווייסן, אז אין די וועלדער זיינען פאראן פארטיזאנער... ביי דער לעסניטשוועקע שפרינגט הערצעלע אראפ, די טרערן שטיקן אונז, זיין איידעלע געשטאלט דערווייטערט זיך פון מיר — און מיט אים מיינע נאענטסטע, מיין היים, מיין שטעטעלע...

*

אין די טעג ווען ס׳דערנענטערט זיך די באפרייאונג פון קאבילניק, שטייען אויף פאר מיינע אויגן לעבעדיקע געשטאלטן — דאס לאזט מיך נישט פאלן, זיך איינברעכן. אפשר זיינען אויך די קאבילניקער יידן זיך צולאפן אין די וועלדער נאכן ביישפיל פון די מיאדלער יידן? אפשר האט זיך אויך דארט געפונען אזא ענערגישער מענטש און ארגאניזאטאר ווי מיין קוזין מיכאל פאטאשניק, וואס האט אפגעגעבן אלע זיינע כוחות, בכדי מיאדלער יידן זאלן אוועקגיין אין וואלד, אפילו מיט פרויען און קינדער? אפשר האבן אויך אייניגע פון די קאבילניקער יידן אדורכגעמאכט דעם שווערן וועג ביז צום פראנט, אים איבערגעגאנגען — און געפינען זיך, אזוי ווי איך און אנדערע, אין רוסישן הינטערלאנד?...

איך בין אין מיטן פון רעמאנטירן אן עלעקטרישן שטאל־גוס אויוון, ווען דער ראדיא־הילכער הויבט אן איבערצוגעבן די לעצטע נייעס. צווישן אנדערע ווערט געמאלדן, אז דער ראיאן צענטער מיאדל איז געווארן באפרייט... 21 ק״מ ווייטער ליגט דאך קאבילניק!... איך ווער צעמישט, איך לויף אריין אין קאנטאר; מיין ערשטער געדאנק — שרייבן א בריוו אהיים!

איך וויל — איך וואג נישט; מיינע הענט טרייסלען זיך. איך דריי זיך ארום ווי א פארווונדעטע חיה. מענטשן טרייסטן מיך, אנדערע פארשטייען מיך, ס׳דויערט א פאר שעה ביז איך בארואיק זיך און זעץ זיך אוועק. איך שרייב צו מיין טאטן און מאמען, צו מיין שוועסטער און ברידער, פריינט און חברים — פאר אלעמען איין בריוו .איך צווייפל גארנישט, אז דעם בריוו וועלן אלע, צו וועמען איך שרייב אים, לייענען.

✶

שוין אריבער 4 חדשים. דער פראנט איז שוין אין פוילן. רוסלאנד פייערט די באפרייאונג פון איר גאנצן לאנד; די שטימונג איז אומעטום א געהויבענע און איך, מיט א פארשטיינערט הארץ, ווארט אלץ אויפן ענטפער...

איך האב קיין אנונג נישט, ווי לאנג ס׳דארף גיין א בריוו; איך האב נאך קיינמאל קיין בריוו נישט באקומען — ווער האט געקענט ביז יעצט צו מיר שרייבן? יעדן טאג גיי איך קוקן אויפן טאפל, וווּ ס׳הענגט א ליסטע פון די, וואס האבן באקומען בריוו. אומזיסט זוך איך צווישן די שורות מיין נאמען...

שוין מער ווי א וואך, ווי איך האב אויפגעהערט צו גיין זוכן מיין נאמען אויפן טאפל; איך בין מער ווי שטענדיק פארצווייפלט און הילפלאז. פלוצלינג קומט צולויפן צו מיין ארבעט־פלאץ א חבר און דערציילט מיר, אז מיין נאמען איז דא אין דער בריוו רשימה. ביים טאפל שטיי איך א צעטומלטער, ווי א דונער וואלט מיך געטראפן; ס׳פיגורירט דער נאמען סווירסקי דוד — מיין טאטנס נאמען; מיין נאמען איז מאיר — ס׳הייסט, אז מיין בריוו איז אנגעקומען צוריק!

2 טעג שפעטער בין איך בכוח געגאנגען אפנעמען מיין בריוו; מאמענטאל ווארפט זיך מיר אין די אויגן מיין טאטנס האנטשריפט... די אויגן זינקען איין אויף דאס געשריבענע. נישט באוויזן נאך אנצוקוקן דעם בריוו, בין איך, דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן, געפאלן אין חלשות...

אין דער „גיכער־הילף״ האט מיר די קראנקן שוועסטער פארגעלייענט מיין טאטנס בריוו, וועלכן איך ברענג דא ווי א דאקומענט פון דער שרעקלעכער תקופה אין יידישן לעבן.

אונזער טייערסטער מאירקע!

אין דעם מאמענט איז נישטא קיין סוף צו אונזער גליק. היינט זיינען מיר ארויס פון וואלד און גלייך נאכן אנקום אין שטעטל האבן מיר באקומען דיין בריוו מיטן לעבעדיקן גרוס פון דיר, — איז דען היינט נאך פאראן עפעס טייערער פון א לעבעדיק קינד, פון נאך איין ייד, וואס איז לעבן געבליבן?!

מיר לעבן אלע און זיינען געזונט; 36 יידן פון שטעטל לעבן מיט אונז. די שענסטע און בעסטע זיינען שוין מער נישטא, צווישן זיי אונזער טייערע זון און דיין באליבטער ברודער הערצעלע. דאס שטעטל איז פארברענט, אויך אונזער שטוב; נאר ווער טראכט פון דעם. די געבליבענע: דיין פעטער **יהושע** מיט די זין **ישראל־לייב, הערצקע** און **איצעלע. אפרויקע קראווטשינסקי, אידע בורגין** מיט די קינדער, **לייב פרידמאנס** משפחה, **יאסל בלינדערס** משפחה, **ציבקה הארמאץ**, איר שוועסטער **שרהל** מיט איר מאן **נתן; מאיר שמערל חדש, יצקע טשערנאצקי, אשר קרוקאוו, בן־ציון שטיינגארט, חנא און הערשל דימענטשטיין, אבראשע חדש, חיה ליבע טשער־נאצקי**, און איר ברודער **פייוול.**

ס'איז דא א האפענונג, אז נאך איינ‏יקע לעבן; דערווייל איז זייער גורל ניט באקאנט. געוואלט האט דער גורל אז מיר זאלן בלייבן לעבן און גאט האט אונז ארויסגעהיט אין די שווערסטע צייטן. א דאנק דיין מאמען, וואס די דייטשן האבן איר געדארפט אלס שניידערקע, האט מען אונז ארויסגענומען פון דער לעצטער שחיטה ערב יום כפור 1942. און אונז איבערגעפירט צוזאמען מיט נאך איינ‏יקע משפחות־פאכלייט קיין מיאדל.

פון מיאדל האבן אונז באפרייט די פארטיזאנער און מיר זיינען ביז דער באפרייאונג געווען אין וואלד. איינ‏יקע קאבילניקער האבן ליידער אויך דארטן געפונען זייער טויט. נישט איצט איז די צייט דיר צו באשרייבן, וואס מיר האבן אלץ אדורכגעמאכט; גאט צו דאנקען, אז מיר לעבן. חנהלע, מינעלע, יהושע און זונדעלע, וועלכע זיינען אויסגעוואקסן אין וואלד, קושן דיך שטארק; און דיין מאמע, דיין אזוי טייערע מאמע, זי איז נישט בכח דיר היינט צו שרייבן; זי דריקט דיך שטארק צו איר הארץ!

אין דעם אזוי גליקלעכן פאר אונז, ווי פאר דיר, טאג, פארגעס נישט, מיין קינד, די טייערסטע און ליבסטע, וואס האבן אפגעגעבן זייערע לעבנס אויף קידוש השם; די וואס האבן שטענדיק מיט אונז געלעבט און געווען אן אומטיילבארער חלק פון אונז — זאלן זיי בלייבן שטענדיק לעבן אין דיין הארץ, אין אונזערע אלטמענס הערצער; פארגעס זיי ניט קיינמאל!

פארגעס אויך נישט די היינט באזיגטע אונזערע מערדער — דער דייטשער צורר און זיינע מיטהעלפער, ימח שמם וזכרם!

מיר פייערן היינט דיין נייען געבורט צוזאמען מיט אונזער באפּרייאונג, מיר זיינען היינט שטאלץ מיט אונזערע העלדישע קאבילניקער פארטיזאנער — **הרצל גארדאן, מאיר חדש, חיים אשר גילמאן,** וועלכע האבן צוזאמען מיט הונדערטער אנדערע יידן זיך נוקם געווען פארן פארגאסענעם יידישן בלוט; זייערע מעשים זיינען א גרויסער כבוד פאר אונזער פאלק און א ליכטיק בלאט אין דער געשיכטע פון אונזערע פינצטערע צייטן.

ס׳קושט דיך הארציק דיין טאטע יוסף דוד לייב סווירסקי.



יוסף־דוד לייב סווירסקי

סטאלינגראד — נאוועמבער 1945. נאך לאנגע חדשים פון אומגעדולדיקן ווארטן באקום איך פלוצלונג די ערלויבעניש צו פארן אהיים — צו מיינע עלטערן, צו מיין משפחה. איך בין איבערגליקלעך; דעם ערשטן מאל נאך דריי־און האלב יאר וועל איך זען מיינע טאטע־מאמע, מיינע שוועסטער און ברידער. מיין גרויסן גליק וועל איך זען מיט מיינע אייגענע אויגן, אזא גליק!...

די באנען זיינען געפאקט מיט דעמאביליזירטע זעלנער, ס׳איז פשוט ניט מעגלעך צו באקומען א בילעט; וואס פאר א כח קען מיר, אבער, פארהאלטן?!

עטלעכע טעג שפעטער — און איך בין שוין אין מאסקווע. אויך דא געלינגט מיר, ווי ס׳איז, און איך בין שוין אין א צוג אויפן וועגן קיין ווילנע. לאנג ציען זיך די שעה׳ן. די אדורכגעפארענע שטעט אינטערעסירן מיך נישט, איך קען אויך ניט נאכדיינקען, אז אט דורך די געגנטן האב איך אדורכגעמאכט אין 1942־טן יאר דעם שווערן וועג ביז צום פראנט, און געגוי, אין דעם חודש בין איך אים אריבערגעגאנגען מיט הצלחה און געווארן א פרייער מענטש. מיינע אויגן און געדאנקען זיינען איצטער געווענדעט צו א שטוב אין שטעטל פאסטאוו, ווו ס׳וווינט מיין משפחה; אהין וויל איך וואס גיכער אנקומען!

*

7־טער נאוועמבער, 12 אזייגער ביינאכט — מיינע פיס טרעטן אויף פאסטאווער באן סטאנציע. לויפנדיק מאך איך אדורך די 2 ק״מ ביז צום שטעטל, און אט זע איך מיט מיינע אויגן דאס הויז אויף לענין־גאס נומער 8.

אויף מיין קלאפן אין לאדן באווייזט זיך א פרוי; איך פרעג, צי עס וווינט דא סווירסקי און זאג איר, אז איך בין זייער זון. זי פירט מיך אריין דורכן הויף און באווייזט מיר ווו אריינצוגיין, גייענדיק פאר מיר. אריינקומענדיק אין שטוב זאגט זי גלייך: „חוה, איר האט א גאסט!"

פאר די לעצטע פאר יאר האב איך אינגאנצן פארגעסן יידיש; מיין באגריסונג האב איך דאריבער געזאגט אין רוסיש, אבער מער ווי דאס איז מיין מויל נישט געווען בכח ארויסצוריידן; אויך די פיס האבן ניט געקענט מער מאכן א טראט...

די שטוב איז יום־טובדיק. דער טיש געגרייט מיט פארשיידענע געטראנקען אין עסנווארג, איך דערקען גלייך דעם טאטן מיט דער מאמען און א פאר קאבילניקער יידן. אויך זיצן דארט יידן, וועלכע איך קען נישט. דורכן טיר

פון צווייטן צימער זע איך קינדער שלאפן, די עלטערע פייערן דעם 7־טן נאוועמבער — דער יום־טוב פון דער רעוואלוציע... איך, אן אנגעטוענער אין געשטאפטע וואטע־הויזן און א פופייקע מיט א „קובייקע" אויפן קאָפ, ווער פון קיינעם נישט דערקענט. אליין בין איך נישט בכוח צו אויסריידן א ווארט און בלייב שטיין ווי א געליימטער...

דער טאטע פרעגט דער מאמען, וואס וויל דער אורח, און גיט צו: „זעץ אים אוועק און גיב אים א קעלישאק, זאל ער זיך דערווארעמען; פרעג אים ווער ער איז און וואס טוט ער דא אזוי שפעט ביינאכט"... דערווייל זע איך, ווי ס'הויבט זיך אויף פון בעט א קעפעלע מיט בלאנדע הערעלעך; איך שטעל מיך פאר, אז דאס איז מיין ברודער זונדעלע — דער רעש האט אים אויפגעוועקט. ער קוקט מיך אָן פונדערווייטן און שרייט אויס: „מאיר איז געקומען!"



הערצעלע סווירסקי

דער איינציקער וואס קען מיך נישט, האט מיך אינסטינקטיוו דערקענט... די מאמע נעמט אראפ דאס היטל און דערקענט אויף מיין שטערן דעם שראם, א סימן וואס איז געבליבן פון א פערדס א קלאפ אין מיינע קינדער יארן. זי שרייט אויס „מאירקע!" און פאלט פארחלשט אויף מיר אויפן סאפקע.

א האלבע שעה שפעטער בין איך געזעסן ארומגעוואשן און מענטשלעך אנגעטאן ביים געגרייטן טיש צוזאמען מיט מיינע נאענטסטע און געפייערט אונזער אזוי גרויסן גליק — שבת אחים גם יחד.

יצחק גארדאן

אין שפורן פון פארלוירענע טעג...

געווידמעט דעם הייליקן אנדענק פון
מיין פאטער אברהם־לייב גארדאן און
מיין ברודער אליהו משה, וועלכע זיינען
אומגעקומען דורך די מערדערישע הענט.

איך זוך די שפורן,
לאנג פארלוירן אין דער צייט,
פון א לעבן וואס געווען
גאר אמאל און זייער ווייט;
איך זוך און נישטער יעדן ווינקל
און איך גראבל מיט די הענט —
וועלן אפשר מיינע פינגער
כאטש א זכר דארט געפינען
אין די חורבות פון די ווענט?...

נאר די צייט האט אלץ פארשאטן
טיף באגראבן אין דער ערד,
וו נאר דערנער ווילדע וואקסן,
ווילדע גראזן אויף א וויסטן פעלד.
טרעט איך לאנגזאם אין דער פוסטקייט
און איך וויל א מענטשן זען;
גיי איך פרעגן יעדן גרעזל —
טאמער ווייסט ער מיר צו זאגן
ווי אזוי איז דאס געשען?...

קייקל איך א קופע שטיינער,
שטומע עדות, וועלכע זיינען בייגעווען —
אפשר וועלן זיי מיר זאגן וו און ווער
און ווי אזוי איז אלץ פארשוואונדן
אלץ אוועק און שוין ניט מער?...
קום איך אן צום קליינעם טייכל,
וו דער שטראם פליסט רואיק, שטיל,
זוך איך ווייבער ביי די ברעגן,
וועלכע שווינקען וועש זייער פיל.

גיי איך ווייטער צו דעם וועלדל,
וו עס וואקסן שווארצע יאגדעס
און אויך שוועמלעך אן א שיעור;
וו די בוימער, הויכע שטאלצע,
ווייסן זיכער אלע סודות —
נאר זיי באהאלטן אויס פון מיר...
הויבט א ווינטל אן צו בלאזן
פארקלעם איך מיינע פויסטן
און מיין בלוט הויבט אן צו זידן
פול מיט ווייטיק און מיט צארן,
שריי איך אויס מיין גרויס געוואלד —
היתכן, האסט ניט געזען קיין יידן?..

בין איך לויפנדיק געשווינט
באלד אין גרויסן מארק געקומען,
אומעטום ארומגעזוכט
ווייט מיין אויג האט נאר פארנומען.
נאר אויך דא האב איך
קיינעם ניט געזען און ניט געפונען.
און אזוי גאנץ באזונדער,
ס'איז דאך ממש ווי א וואונדער,
זיינען זיי מיר אין געדאנק געקומען,
יעדער איינער פון דאסניי
מיט זיין ארבעט און זיין פאך.

אויסגעשטעלט ווי אין א ריי
קומען ערשטע די וואס האנדלען
מיט לעדער, שניט און באקאליי,
און מיט אייזן האלץ, פאליווע
און מיט סחורות אלערליי.
און די סוחרים פון אייער, חזיר־האר,
יידן וועלכע לויפן, הארעווען
און זוכן צו פארדינען
זלאטעס קוים אפאר...

און נאך זיי די בעלי־מלאכות,
שניידער, שוסטער, שמידן, בעלי־עגלות,
בייגל בעקערס, קצבים, סטאלערס,

די הענט אנגעריבן מיט מאזאליעס.
גיי איך זוכן אין דער שול —
אפשר איז היינט יום־כיפור,
ווו אלע זיינען ביי כל נדרי
בעטן תשובה און מחילה ?...
אדער גאר שמחת תורה,
ווו יידן טרינקן אן קיין מורא,
הוליען טאנצן א מעת־לעת א גאנצן ?

טראכט איך ווייטער ניט קיין סך
און איך גיי אין מיאדלער גאס,
ווו מיין טאטנס קליינע הייזל
איז געווען מיט שטרוי באדעקט —
נאר אויך דא קיינעם ניט געפונען,
ניט דעם טאטן, ניט דער מאמען,
ניט דעם ברודער, אויך ניט די שכנים...
בין איך זוכן זיי געגאנגען ווייט ארום
אין די גאסן, אין די געסלעך,
אויך דארטן, ווו די גויים ווינען.
נאר אין מאמענט גיב איך א טראכט,
דאס אומזיסט דאס זוכן און דאס קלערן —
כ'וועל במילא שוין פון קיינעם גארנישט הערן.

איז ווי פון פייער, א מגפה
הויב איך אן
פון קאבילניק צו אנטלויפן
צוריק, דורך ווילנער גאס,
פארביי דעם קלויסטער און דעם בריק —
ביז איך קום צום סאקאוויק.
נאר גאנץ פלוצלונג, פון דעם וועלדל,
פליט א מחנה קראען מיר אנטקעגן
"קרא... קרא... קרא..." — רופן זיי צו מיר,
ווי זי וואלטן זאגן :
"וואס קריכסטו דא ארום,
האסטו וואס פארלוירן ?...
אויב אן אמת ווילסטו וויסן —
קום, וועלן מיר דיר ווייזן"...

דא, דערנעבן אין דעם וועלדל
אין דעם גרויסן מאסן קבר,
וואס פארגאסן מיט צעמענט און אייזן —
דא ליגן פארבאהאלטן דיינע ברידער,
קליין און גרויס, יונג און אלט;
מען האט צוזאמען זיי געשאכטן
מיט רציחה און געוואלד.
דא האבן דייטשן, קאניבאלן,
באוואפנט מיט געווער.
ווי ווילדע חיות זיי באפאלן.
און פלאקן מיט ליטווינער, לאטישן,
אוקראאינער,
גויים, פראוואסלאוונע, קאטאליקן
האבן אלעמען געיאגט, זיי געמאטערט
און געפלאגט.

רויבער, מערדערס, כוליגאנעס, פאראזיטן
האבן מיט פרייד און סאדיזם
יידיש בלוט פארגאסן;
זייער האב און גוטס צערויבט
און פון אלעמען גענאסן...
הערן דאס בוימער אין דעם וועלדל
נאנט ארום דעם קבר,
ציטערן די שפיצן
און די בלעטער הויבן אן צו פאלן...
אויך די פויגעלעך אין וואלד
הערן־אויף צו זינגען
און זיי זיינען ניט צופרידן
וואס מען האט געמאכט מיט יידן...

און זיי רינגלען מיר ארום,
ווי זיי וואלטן מיר דערציילן
וועגן אלע אויסווורפן, בארבארן:
ווי אזוי די גויים
האבן אלץ פארברענט —
די שול, ספר־תורהס און גמראס
און אלע אנדערע ספרים,

אויסגעווייקטע דורךליידן און טרערן,
די אייבקע שאפונגען און ווערטן
דורך לאנגע דורות און דורך יארן —
איז פון אלעמען אש און קויל געווארן.

זע איך פלוצלינג איבער מיר
קומט־אן א שווארצער וואלקן.
ווערכער האט די שיין פארשטעלט
אזוי ווי א ליקוי־חמה —
פאלט אויף מיר ארויף
א ציטער און א מורא
און איך קען שוין מער ניט הערן
פון דער טרויעריקער אומגעהערטער דראמע.
ווער איך זייער איבעראשט
און איך שיק א קללה
אין דער לופטן, צו זון און דער לבנה,
אויך צו די ווייסע שטערן —
זאלן זיי מיט ווייטיק הערן.

וויל איך שפייען גלייך אין פנים פעלקער —
זידלען זיי און האסן.
וויל איך שרייען איבער פעלדער, איבער וועלדער,
איבער ימען, קאנטינענטן —
זאלן אלע וויסן און געדיינקען.
אויך דעם טוי, דעם שניי און רעגן
וועל איך קיינמאל די שאנדע ניט פארגעבן,
נאר אויף אייביק וועל איך טראגן
דאס געפיל פון נקמה האבן.

✶

און קאבילניק, א קליין שטעטל אין
ווייסרוסלאנד —
וועלן דיינע לאנדסלייט אין ישראל
אויף אייביק דיך געדיינקען
מיט טיפן ווייטיק און מיט רום.

אשר קרוקאוו


יוזעף טונקעוויטש

(פון די חסידי אומות העולם)

אין דעם צעבושעוועטן ים פון יידן־שנאה, האס און פארפאלגונג האבן זיך אויך באוויזן געציילטע געשטאלטן פון עכטער מענטשלעכקייט, ערלעכקייט און ריינעם געוויסן.

איינע פון די דאזיקע ליכטיקע געשטאלטן אינם פינצטערן ים פון רציחה און יידן־פארניכטונג איז געווען דער פשוטער קאבילניקער פויער יוזעף טונקעוויטש, וועלכער האט אין די שווערסטע צייטן אונטער דער געפאר פון טויט נישט פארקויפט זיין געוויסן און האט זיך ממש מוסר־נפש געוועןביים ראטעווען יידן. כמעט אלע איבערגעבליבענע יידן פון קאבילניק האבן זיך ביי אים א סך מאל צייטווייליק אויסבאהאלטן, און אדאנק דעם געראטעוועט געווארן.

איינמאל האט זיך ביי אים צונויפגעטראפן זאגאר א גרויסע גרופע קאבילניקער יידן: יהודית פרידמאן מיטן מאן און זון, חנא דימענטשטיין,



יוזעף טונקעוויטש

חיה־ליבע טשערנאצקי, הערשל דימענטשטיין, שלום יאוונאוויטש, יצחק טשער־נאצקי און דער שרייבער פון די שורות. ער האט אונז דאן שיין אויפגענומען און ר'האט זיין הילף נישט אפגעזאגט אויך דעמאלס, ווען דאס גאנצע שטעטל איז געווען באזעצט מיט מיליטער.

דורך אים האבן מיר אויך געהאט א פארבינדונג מיטן ווילנער געטא. ער האט געזאלט ברייגנען יהודית טאדרעס מיט איר מאן ווי אויך איר שוועסטער שיינקע מיטן מאן. זיי זיינען שוין געווען אין וועג און ניט ווייט פון קאבילניק, נאר אנטרעפנדיק זיך אויף דייטשן האבן זיי זיך צוריקגעקערט; נאר בלויז יהודיתעס מאן איז אנגעקומען צו אים אין קאבילניק.

עטלעכע קאבילניקער יידן: שאול קאפלאן, יהודית טאדרעסעס מאן, יצחק טשערנאצקי און איך — האבן זיך ביי אים אין חזיר־שטאל אויסבאהאלטן גאנצע 10 חדשים, אין א גרוב פון 3 מעטער אויף 3 מעטער, וואס איז פון אויבן געווען פארזייט — זומער צייט מיט קארטאפל און ווינטער מיט קארן. דער אריינ־גאנג אין גרוב איז געווען אין חזירים־שטאל דורך א פארמאסקירט טירל, פארשאטן מיט מיסט. פון טירל האט געפירט א טונעל פון 2 מעטער די לענג און דערנאך ווידער א טירל פון בלעך, אויסגערעכנט, אז אין פאל פון א שריפה זאל מען קענען פארבלייבן אין גרוב און דאס פייער זאל נישט צוקומען. א רער פון א צאל מיט א פערטל האט אריינגעלאזט לופט — דאך האט אויסגעפעלט זויערשטאף, און קיין שוועבעלע האט מען אין גרוב נישט געקענט אנצינדן... אינמיטן טאג איז נאך אריינגעדרונגען עטוואס ליכט, אבער די מערסטע צייט איז מען געזעסן אין דער פינצטער. נאר די גוטע שפייז, וואס טונקעוויטש האט באזארגט, האט אלעמען אויפגעהאלטן ביים געזונט.

פרילינג, פסח־צייט, איז די גרוב פול געווארן מיט וואסער, מען האט געמוזט גראבן א צווייטע גרוב און ביינאכט שעפן דאס וואסער פון די גריבער. אזוי האבן זיך געצויגן עטלעכע שווערע וואכן אין נאסקייט און מיר האבן געפוילט לעבעדיקערהייט. ווען טונקעוויטש פלעגט אראפגיין אין קעלער, פלעגט ער וויינען ווי א קליין קינד און האט ניט געקענט פארשטיין, ווי אזוי מיר קענען דאס אלץ איבערטראגן...

דער קריסט יוזעף טונקעוויטש איז געווען דער איינציקער שטראל אין דער גרויסער פינצטערניש, וואס האט געהערשט ארום אונז. זיין נאמען דערמאנען די יידן ביים־לעבן־פארבליבענע מיט הייליקן ציטער אויף די ליפן. ער האט

געדינט אלס איינציקער סימבאל פון מענטשלעכן כבוד און ערלעכן געוויסן.
זיין נאמען וועלן קאבילניקער יידן אייביק ערן און געדענקען.

✶

מיר האבן נאך ניט דערוויזן אפדרוקן די שורות, וועלכע מיר האבן געשריבן וועגן דעם שטארק באליבטן און געערטן יידן פריינט יוזעף טונקעוויטש און זיין גוטער און אויסערגעוויינלעכער באציאונג צו יידן אין צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה. האבן מיר אין אנפאנגס 1967 דערהאלטן די טרויעריקע ידיעה, דאס ער איז געשטארבן אין טיפן עלטער אין זיין היימאטס פלאץ אין א פארם ניט ווייט פון קאבילניק.

מיט זיין טויט האבן א סך פון די קאבילניקער יידן פארלוירן א טייערן פריינט און א מענטש ליבהאבער, וועלכן זיי וועלן אויף אייביק שעצן און געדיינקען. זאל זיין אנדיינקונג זיין געבענטשט און זיין נשמה זאל זיך געפינען צווישן די גרויסע צדיקים און חסידי אומות העולם.

יש כוכבים, שאורם מגיע ארצה רק כאשר הם עצמם אבדו ואינם; יש אנשים, שזיו זיכרם מאיר כאשר הם עצמם אינם עוד בתוכנו. ואורות אלה, המבהיקים בחשכת הליל — הם המראים לאדם את הדרך.

(מדברי חנה סנש)

לעאן (לייבל) סאלאמאן
דעטראיט

מיט די קאבילניקער אין צארן און פיין



איך ווער א קאבילניקער

מיין ערשטע „באקאנטשאפט" מיט די היטלעריסטישע חיות איז פארגעקומען נאך אין יאר 1939 אין מאקאוו מאזאוויעצקי, 85 ק"מ פון ווארשע. דארטן האב איך געלעבט צוזאמען מיט מיינע עלטערן און שוועסטער.

מיין עלטערער ברודער ברוך איז אנט־לאפן גלייך ווי די דייטשן זיינען אריין צום מזרח טייל פון פוילן, וועלכער איז געווארן אקופירט דורך די רוסן אין דער זעלבער צייט. קוקנדיק אויף אים זיינען מיר אויך געלאפן צו דער רוסישער זייט און איך מיט מיינע צוויי שוועסטער, חוה און רבקה, האבן מיר זיך באזעצט אין ביאליסטאק, ווו עס האבן זיך דאן קאנצענטרירט א גרויסער טייל פון די פליטים, וועלכע זיינען געקומען פון די פארנומענע, דורך די דייטשן, מערב געביטן פון פוילן. אביסל שפעטער האט מיין ברודער ברוך אונז אויסגעפונען און געבראכט אין קאבילניק, ווו ער האט זיך פריער באזעצט.

אין קאבילניק האט זיך אונזער לעבן מער־ווייניקער נארמאליזירט (פארהעלטניסמעסיק צו יענער צייט). די קאבילניקער יידן זיינען געווען פריינדלעך און מיטגעפילט די נייע אנגעקומענע פליטים אין שטעטל, און מיר זיינען געווען ניט די איינציקע. ביי די שטעטלדיקע קינדער פלעגט אונזער „פוילישער" יידיש ארויסרופן א געלעכטער און שפאס; עס האט אבער ניט לאנגג געדויערט און מיר האבן גערעדט דעם „ליטווישן" יידיש, וועלכן איך רייד אייגענטלעך ביז היינט צוטאג. מיין ברודער האט געארבעט אלס לייטער פון דער שולע אין קאבילניק, און איך מיט מיינע שוועסטער האבן דארטן געלערנט צוזאמען מיט אלע אנדערע קינדער פון שטעטל.

דער אויסברוך פון דייטש־סאוויעטישן קריג אין 1941

אין יוני 1941 איז אויסגעבראכן די מלחמה צווישן רוסלאנד און דייטשלאנד; ס'האט גענומען נאר עטלעכע טעג און ווידער זיינען מיר געשטאנען פנים צו פנים מיט די דייטשישע פארברעכער. מיין ברודער האט אפילו פרובירט ווידער לויפן, ס'איז אבער ניט געווען וווהין, ווייל די דייטשן האבן מיט דעסאנטן איבער־געשניטן אלע וועגן און ס'איז ניט געווען ווו צום לויפן; אזוי ארום איז ברוך געקומען צוריק אין שטעטל.

2 טעג שפעטער איז שוין מיין ברודער געווען ארעסטירט און צוזאמען מיט נאך 15 מאן אויף וועמען די היגע ווייסרוסישע צייטווייליקע פאליציי האט אנגעוויזן אלס קאמוניסטן, — איז ער דערשאסן געווארן.

זיינע פריערדיקע שילער־גויים פון שטעטל האבן אויסגעפירט דעם שרעק־לעכן אורטייל איבער זייער לערער, וועלכער איז געווען אזוי באליבט און טאלאנטפול. דער יונגער יידישער וויסנשאפטלער־מאטעמאטיקער און ערציער איז געפאלן אינמיטן זיין בליענדער טעטיקייט אויף קידוש השם.

די לעצטע שחיטה

פאריתומטע און צעבראכענע נאכן ברודערס טויט, האט אונז צוגענומען צו זיך שפעסל בערגער מיט זיין משפחה. צוזאמען מיט אלע יידן אין שטעטל האבן מיר דורכגעמאכט די שווערע חדשים פון שקלאפן־ארבעט, פיין און דערשלאגונג. זייענדיק אן עלטערן האט אין מיר, מער ווי ביי אנדערע, געלעבט דער געדאנק זוכן א וועג צו אנטלויפן אין וואלד, ווו אין מיטן פון יאר 1942 האבן זיך באוויזן פארטיזאנער.

ערב יום־כפור 1942 איז אנגעקומען אין שטעטל די ידיעה, אז א טייל פון די מיאדלער יידן, צוזאמען מיט א גרופע פון קאבילניקער יידן, וועלכע האבן דארט געארבעט, זיינען אנטלאפן אין וואלד. אין שטעטל האט מען זייער אפגעשאצט דעם העלדישען טאט; דאס איז געווען דער לעצטער אויסוועג, כאטש קיינער האט ניט געקענט פארשטעלן זיך ווי אזוי מענטשן, מיט קליינע קינדער, פרויען און אלטווארג, וועלן קענען לעבן אין וואלד, ווינטער אין די שנייען און פרעסט. און ווי אזוי וועט מען זיך דערנערן, אז די גויישע באפעלקערונג איז געשטימט צו אונז אזוי פיינטלעך?

אפשר טאקע דערפאר איז קיינער פון אונז ניט געלאפן און אזוי ווי יעדן טאג בין איך יום־כיפור געגאנגען צו דער ארבעט; נאר דעם אנקומענדיקן חורבן האט מען שוין געקאנט פילן אין דער לופט. און אזוי איז טאקע געווען.

גאנץ שנעל האב איך זיך געפונען צוזאמען מיט די אלע איבעריקע יידן פון שטעטל אויפן מיטן מארק און פון דארטן האט מען אונז געבראכט מיט א שווערע באוואכונג אין דאם־לודאווי, דאס פאלקס־הויז פון שטעטל נעבן דעם קלויסטער, און דארטן האט מען אונז פארשפארט. אין דאם לודאווי האב איך געטראפן אויך מיינע צוויי שוועסטער, וועלכע די באנדיטן האבן געכאפט, און מיר האבן געזען מיט בלוטיקע אויגן אונזער טראגישן סוף; געמיינט האבן מיר, אז מען גייט אונז פארברענען.

שנעל איז געפאלן די נאכט. אין דער פינצטער, ווי הערינג געדריקטע אין א פאס, וויינען און זיפצן פארשטיינערטע הערצער, הילפלאז און אן קיין פונק פון האפענונג צו קענען זיך ראטעווען — שיידן מיר זיך איינע פון די אנדערע, און באגיסן מיט טרערן אונזער טרויעריקן גורל. אלע שטרעקן די הענט צו גאט און פרעגן „פארוואס?״ — — — אלץ איז שוין קלאר; מען גראבט שוין פאר אונז די גריבער. דאך פרובירן אייניקע אופרייסן די לאדנס פון די פענצטער און ארויסשפרינגען; זיי ווערן, אבער, גלייך דערשאסן. די וואך אינדרויסן איז זייער געדיכט.

איך מיט מיינע 2 שוועסטער און נאך א 20 מאן זיינען אונטערגעקראכן אונטער דער בינע (אויף וועלכער מען פלעגט אמאל פארשטעלן) האפענדיק, אז אפשר וועט מען אונז דארט ניט זוכן. אינדערפרי האבן מיר געזען, ווי מען פירט ארויס אלעמען פון דער געביידע, און ווען ס׳איז געווארן ליידיק האבן די באנדיטן גענומען זוכן אין אלע מעגלעכע פלעצער — און זיי האבן אונז געפונען! מיינע שוועסטער האט מען ארויסגעשלעפט פאר מיר. חוה האט נאך באוויזן צו זאגן צו מיר: „זע, לייבעלע, אנטלויף ווי עס איז, זאל כאטש איין לעבעדיקער אנדיינק בלייבן פון אונזער משפחה״... איך צוזאמען מיט יהושע טשערנאצקי, יצחק טשערנאצקי און ראובן שטיינגארט (גדליה׳ס איידעם) זיינען ארויסגעשלעפט געווארן די לעצטע. 2 מערדער האבן אונז געפירט צו די גריבער. יהושע האט זיך געווענדעט צו איינעם פון די מערדער, וואס האבן אונז געפירט: „קאַליע, מיר זיינען דאך צוזאמען אויפגעוואקסן און געלעבט אין דער שולע, לאז מיר אוועק, איך וויל לעבן״... זיין באנדיטישער ענטפער איז געווען: „גיי פארויס!״, צוגעבנדיג א רוסישע קללה אויף אלע יידן... יהושע

האט אבער גענומען אנטלויפן. דער באנדיט, קאָלע, איז אים נאכגעלאפן און אים געשאסן.

בלייבנדיק מיט איין פאליציאנט, ביים בריק, ניט ווייט פון קלויסטער, האב איך מיט חיים׳ען אויך גענומען אנטלויפן אין דער ריכטונג צום פריצ׳ס הויף. גלייך האט דער מערדער גענומען אונז נאכשיסן. איך בין געלאפן זיג־זאג און די קוילן האבן געפייפט ארום מיר. מיין שוועסטערס לעצטע ווערטער האבן מיר צוגעגעבן כוח און ווילן צום לעבן... און אזוי איז מיר געלונגען צו אנטלויפן! חיים איז, ליידער, געפאלן פארוווּנדעט און נאכדעם דערשאסן געווארן דורך דעם פאליציאנט.

מיט די לעצטע כוחות בין איך דערלאפן צום וואלד. קעגנאיבער, פון צווייטן זייט וועג, האב איך געהערט די שיסערייען. יעדער שאס האט אפגעריסן ביי מיר אן אנדער גליד פון קערפער. אט ווערן אומגעבראכט אזוי מערדעריש די לעצטע יידן פון שטעטל צוזאמען מיט מיינע צוויי שוועסטער...

צו די פארטיזאנער

2 טעג האב איך זיך געוואלגערט אין וואלד. הונגעריק, צעריסן, קאלט און נאס. ניט האבנדיק קיין אנדער ברירה, בין איך אנגעקומען אין דארף קאנסטאנטינאָווע. צו מיין גליק האבן דארטן געארבעט עטלעכע יידן און מיט זיי בין איך פארבליבן עטלעכע טעג. פון דארטן בין איך אוועק קיין סוויר, ווו ס׳איז נאך געווען א געטא. דארטן האב איך געטראפן הערצקע גארדאן, וועלכער איז אויך אנטלאפן, ווי איך, פון אונטערן ביקס.

צוזאמען מיט די סווירער יידן בין איך אריבער אין מיכאלישיקער געטא, און פון דארטן בין איך געשיקט געווארן אויף ארבעט נאך קאנסטאנטינאווע. צוזאמען מיט מיר איז דארט געווען דער קאבילניקער קיווקע קריוויצקי. זייענדיק דארט נאר געציילטע יידן ביי דער ארבעט אין א קליינעם פלאץ נאענט צום וואלד, האבן מיר זיך געשפירט זיכערער און געהאפט, אז די צייט וועט פארבייגיין. אבער נאך 4—5 חדשים, אין פרילינג 1943, איז אנגעקומען צו אונז דער דייטשער באפעל איבערצוגיין אין ווילנער געטא, ווו די דייטשן האבן קאנצענטרירט אלע לעבן־פארבליבענע יידן פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלכע די דייטשן האבן שוין ליקווידירט.

נאר איך האב באשלאסן, אז מער אין קיין געטא וועל איך ניט גיין! איך

